# קרית ברסלב בלעטל

שנה ה' נומער 206

פרשת בשלח · תשפ"ד




## יארצייט פון אונזער רבי מוהרא"ש זי"ע

## י"ז שבט






### "מפיצים פאנעל"

ערשטהאנטיגע שמועסן מיט פיר מפיצים וואס גיבן איבער וויאזוי עס גייט צו די ארבעט פון זיין א מפיץ אויף א טעגליכע פארנעם 20



### בריוו
איבער א בריוו פונעם ראש ישיבה
3



### אלץ און אלעמען
די סועץ קאנאל
4



### מפיצים פאנעל
לכבוד די יארצייט פון מוהרא"ש ברענגן מיר אייך א פאנעל פון מפיצים
20



### געדאנקען
איינגעטונקען אינעם אמת
7



### מיט א טיפערן בליק
ברסלב'ע שוואנץ
14



### בילדער אפטיילונג
בילדער פון שמחות אין היכל הקודש
32



# קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע:

אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, שמעון עוזר פערל, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג.

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyomi@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער אריינצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169


## זמנים Liberty
בשלח י"ז שבט תשפ"ד

הדלקת הנרות.......... 04:48
מוצאי שבת........... 06:20

מנחה מעריב יתרו.... 06:05

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו**
**וזוגתו ביילא שיינדל תחי'**

**צו די חתונה פון א טאכטער למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

## ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אריינגעצויגן אין שטעטל

**מו"ה נפתלי הערש פראקאש הי"ו**
**וזוגתו רחל הענדל תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל

## וועטער

| | | |
|---|---|---|
| Fri 26 | 50°/35° | AM Rain |
| Sat 27 | 40°/30° | Mostly Cloudy |
| Sun 28 | 37°/25° | Partly Cloudy |
| Mon 29 | 35°/27° | Mostly Cloudy |
| Tue 30 | 35°/22° | Mostly Cloudy |
| Wed 31 | 32°/17° | Mostly Cloudy |
| Thu 01 | 32°/21° | Partly Cloudy |
| Fri 02 | 37°/25° | Partly Cloudy |



געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
די וועטער מבינים ווייסן נישט אלץ ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין
שיחות הר"ן רכ"א

## בריוו צו די
# רעדאקציע

### שעשני יהודי

לכבוד המערכת פון קרית ברסלב בלעטל.

דער ראש ישיבה האט געשריבן אין א מכתב יומי יום ד' פרשת בא ז' שבט תשפ"ד:

מוהרא"ש דערציילט, ער איז אמאל געווען א שבת ביי איינעם אין שטוב און שבת נאכמיטאג האט ער געזען אין שאנק אן אלטע סידור מיט די ברכה: "ברוך אתה ה' אלוקינו מלך העולם שעשני יהודי"; ווייל די סידור איז געדרוקט געווארן אין די צייטן פון די רדיפות אויף אידן, און די צענזור האט נישט געלאזט דרוקן די ברכה 'שלא עשני גוי'.

נאדעם האט מוהרא"ש איינגעדרימלט און ער חלומ'ט זיך א שטארקע קשיא, פארוואס מאכט מען די ברכה אויף א וועג פון 'איך בין נישט קיין גוי', פארוואס מאכט מען נישט די ברכה 'שכוח אייבערשטער איך בין א איד', האט מוהרא"ש מחדש געווען אין חלום, וואלט מען ווען געמאכט די ברכה 'ברוך אתה ה' אלוקינו מלך העולם שעשני יהודי, איך בין א איד' - וואלטן די עצבות'דיגע מענטשן נישט געמאכט די ברכה, זיי וואלטן געטראכט מרוב עצבות ומרה שחורה 'בין איך דען א איד?', דערפאר מאכט מען די ברכה 'שלא עשני גוי', אז אפילו אן עצבות'דיגער מענטש וואס שפירט ביי זיך טויט, ער זעט זיך דער ערגסטער מענטש, דער גרעסטער בעל עבירה - קען אויך אויסשרייען: "א גוי בין איך נישט, גע'מל'עט בין איך!"

בייגעלייגט איז איינע פון די סידורים וואו עס שטייט טאקע שעשני ישראל, דער סידור איז געדרוקט געווארן אין ויניציאה שנת תק"ט.

יואל שניצלער - קרית ברסלב.


סדר
תפלות כל השנה
כפי מנהג ק"ק אשכנזים יצ"ו
באותיות גדולות· לזקנים ונערים כאשר היו הנדפסות מימים קדמוניות·
עתה ניתוספו בו מעריבות ללילי י"ט וכל היוצרות ומוספים לשבתות מיוחדים וקריאות התורה כל אחת ואחת על מקומה ועל סדרה הראוי לה· סדר ההושענות· ותיקון חנוכה ופורים ודיניהם· קרובץ תשעה באב וסדר כל הקינות· סדר התרת נדרים ומסירת מודעה· ודיני הכפרות וערב כפור· סליחות לתעניות לשני וחמישי ושני· וד' תעניות· דיני פסח· ועירובי תבשילין· הזכרת נשמות ושיר היחוד· תפלות גשמים ופרקי שירה· ותפלות מסוגלות ודברים רבים כהמה כאשר יוכל הקורא לקרות בלוח אשר נעשה לסדר הנאה הנמצא בסוף הספר·
נדפס לתשוקת הנער הנעים ישראל שבתי אלחנן בן הגביר כמ"ר שלמה אשכנזי יצ"ו
בויניציאה
שנת תפלה לאל חיי לפ"ק·
NELLA STAMPARIA BRAGADINA
CON LICENZA DE SUPERIORI·


זמירות
והכנסת כלה והלוית המת ועיון תפלה
והבאת שלום שבין אדם לחברו
ותלמוד תורה כנגד כלם:
אלהי נשמה שנתת בי טהורה היא
אתה בראתה בי ואתה יצרתה
בי ואתה נפחתה בי ואתה משמרה
בקרבי ואתה עתיד ליטלה ממני
ולהחזירה בי לעתיד לבוא· כל זמן
שהנשמה בקרבי מודה אני לפניך יי
אלהי ואלהי אבותי רבון כל המעשים
אדון כל הנשמות ברוך אתה יי
המחזיר נשמות לפגרים מתים:
ברוך אתה יי אלהינו מלך העולם
אשר נתן לשכוי בינה להבחין
בין יום ובין לילה
ב"א אמה שעשני יהודי
ברוך אתה יי אלהינו מלך העולם שעשני יהודית:
בא"



גרשון קרעמער




## די סועץ קאנאל

אין די לעצטע וואכן רעדט מען אסאך אין די נייעס פון די "סועץ קאנאל" צוליב די אומרוען וואס די כותי'ס טוען אנמאכן פאר די שיפן אינעם ים סוף.

דער קאנאל איז א מענטשליך געבויעטע וואסער וועג וואס פארבינדט דער ים סוף אדער ווי עס הייסט אויף אידיש "דער רויטער ים", מיט'ן מיטללענדישן ים. דער ים סוף איז א ים וואס קומט ארויס פונעם אראבישן ים (וואס איז אן אפצווייג פונעם אינדישן אקעאן) און שניידט אריין אינעם יבשה ביים גאלף אף עדן נעבן תימן און פארט אריין טיף דורכפארנדיג פון די רעכטע זייט תימן און סאודי אראביע, לענדער אינעם מיטל מזרח, פון די לינקע זייט פארט עס דורך די אפריקאנער קאנטינענט די לענדער פון סאמאליע, דזשיבוטי, עריטריע, סודאן און עגיפטן (מצרים).

ווען עס קומט אן קיין עגיפטן קומען ארויס ווי צוויי פינגערס פונעם ים סוף וואס די רעכטע פארט ארויף ביז ירדן און מדינת ישראל, און די לינקע קומט אן ביזן שטאט סועץ אין עגיפטן. און אינצווישן די צוויי פינגערס געפונט זיך דער גרויסער מדבר הגדול והנורא מדבר סיני, דאס פלאץ וואו די אידישע קינדער האבן זיך געדרייט פערציג נאך יציאת מצרים און האבן דארט מקבל געווען די תורה פונעם אייבערשטן אויפן בארג סיני.

פון די אנדערע זייט האט דער אטלאנטישער אקעאן א שמאלן וואסער וועג אריין דורך גיבראלטור - שפאניע און מאראקא צום מיטעלענדישן ים צו פילע לענדער אין אייראפע ווי שפאניע, פראנקרייך, איטאלע, גריכנלאנד, טערקיי, סיריע, לבנון און ארץ ישראל, און פון אונטן צו די אפריקאנע לענדער פון מאראקא, אלדזשיריע, טוניזיע, ליביע, און מצרים.

ביז'ן יאר 1869 איידער די תקופה פון די סועץ קאנאל, פלעגן די שיפן פון אינדיען אקעאן דארפן ארום פארן דעם גאנצן ריזיגן אפריקאנעם קאנטינענט כדי אנצוקומען צו סיי וועלכע אייראפעאישע לאנד, מען האט געדארפט אראפ פארן ביז גאנץ אונטן ווי דער לאנד סאוט אפריקע געפינט זיך און דערנאך האט מען זיך געדארפט ארויף דרייען דעם גאנצן לאנגן וועג ביז גיבראלטור ווי מען איז אריינגעפארן צום מיטלענדישן ים, און פון דארט האט מען געקענט דורכהאקן איסטאמבול טערקיי צום שווארצן ים ווי די פארטן פון רומעניע, אוקריינע געפינען זיך.

אין יענע יארן איז מען אויפגעקומען אויפן געדאנק אז וויבאלד דער שטח פונעם מיטלענדישער ים ביים פארט סאיד איז דא רעלאטיוו זייער ווייניג יבשה ביז'ן ים סוף אויף די אנדערע זייט, קען מען בויען א קאנאל - א וואסער וועג וואס וועט ערלויבן שיפן צו מאכן גאר א גרויסן שארט קאט צווישן די צוויי אקעאנען, און וועט שטארק נענטער ברענגען די צוויי זייטן פון די וועלט. עס האט גענומען בערך צען יאר איבערמענטשליך שווערע ארבעט - אין יענע יארן - צו בויען דעם וועג, אבער זינט דאן איז דער סועץ קאנאל א געוואלדיגע הילף פאר די מיליאנען קאנטעינערס וואס ווערן כסדר געשיקט אהין און צוריק אויף די ריזיגע שיפן.

יעצט האבן די כותי'ס אין תימן באשלאסן אז היות דער נייער וועג גייט אוועק פון די מסורה, "אלע דורות האט מען געוואוסט אז אנצוקומען פון אינדיע קיין אייראפע נעמט לכל הפחות פינף וואכן", און זיי פראטעסטירן... זיי האבן פארכאפט אן אמעריקאנער שיף וואס איז אפגעפארן פון וועג, און זיי האבן שוין פרובירט צו שיסן מיסלס אויף עטליכע אנדערע.

מיר דערשרעקן זיך נישט פון די כותי'ס. מיר וועלן ווייטער נוצן דעם געשמאקן שארט קאט וואס דער הייליגער רבי האט אונז געגראבן, דער שארט קאט וואס פירט א מענטש צום אייבערשטן גלייך. וואו ווייט איז די מויל פון הארץ? וועלן מיר עפענען דאס הארץ און רעדן עטליכע דיבורים צום אייבערשטן. דאס פירט אונז צום אלטן וועג וואס אונזערע אבות אברהם יצחק און יעקב זענען נאך געגאנגען.

אויב האט איר סיי וועלכע נושא וואס איר ווילט מיר זאלן באשרייבן, קענט איר שיקן אן אימעיל צו askgershon@gmail.com, און מיר וועלן פרובירן צו ענטפערן כיד ה' הטובה עלינו.

בעזרת השם יתברך

# וואס צאל איך צוריק פאר
# מיין רבי מוהרא"ש
# לכבוד די יומא דהילולא?



בחורי ישיבת היכל הקודש ירושלים וועלן בעטן פאר אייך

מוסדות היכל הקודש באה"ק

# אלקא דמאיר ענני

געדאנקען

משה ארי' שניצלער

# איינגעטונקען אינעם אמת



ברוך השם איך האב זייער ליב צו טרעוולען, איך פארברענג ברוך השם אויף וואקאציע'ס, איך פאר מיט שיפן, מיט באנען, מיט קרוז'עס, מיט העליקאפטערס, מיט פליגערס, איך לייג ארויף אסאך מיילעדזש יעדן איינציגן יאר, ברוך השם פאר דעם.

איך וועל עס אייך צולייגן אויף פיץ פיצלעך, וואקאציעס, שיפן, באנען, קרוז'עס, העליקאפטערס, פליגערס (ביידע סארט, סיי די שפעטערע "דזשעט" פליגערס, סיי די פראפעלער פליגערס פון אונזערע אור-עלטערן).

מיט שיפן פאר איך נישט צו סאך, אבער איך בין שוין געווען מסתמא אויף א הונדערט שיף-רייזעס, דארונטער בין איך געווען אויף די וועלט בארימטע שיף וואס רופט זיך "דהי מעיד אוו די מיסט", מענטשן קומען צאם פון די גאנצע וועלט צו כאפן א רייזע אויף דעם שיפעלע, דארט האב איך געמאכט מיין ערשטע סיום משניות, זומער תשנ"ז, די לעצטע וואך פון קאנטרי, כ'קען נישט פארגעסן ביז היינט די גן עדן טעם פון מיין ערשטע סיום משניות, כ'קען אייך זאגן איין זאך, דו ווילסט א "high"? נעם די "היי" פון זאגן משניות! עס איז די איינציגסטע היי וואס האט נישט קיין עקספיירעישן דעיט!



געלט האט א עקספיירעישן דעיט! האסט נישט געוואוסט? האסט נאך אסאך זאכן נישט געוואוסט!

דו קענסט טאקע באקומען דיין "היי" דורך געלט, אבער די עקספיירעישן דעיט קען אנקומען יעדע ליאדע מינוט, און קיין ווארענונג.

קענסט בויען הונדערט יוניטס א יאר, און קאלעקטן רענט העכער צען מעלוינעס א יאר, אבער דיינע צען מעלוינעס גייט באלד עקספייערן. למשל, מיין חבר, משה'לע רענטעלע, ער קאלעקט עטליכע מיליאן רענט א יאר, נאך עטליכע יאר האט ער אינוועסטירט זיין גאנצע געלט ערגעץ אראונד די קארנער פון בוידעמלאנד, און זיין גאנצע געלט איז געגאנגען אין א טיפע טיפע שלאף, זיין גאנצע געלט פון די לעצטע צען יאר איז אנגעקומען צו די עקספיירעישן דעיט וואס דער הייליגער באשעפער האט דיזיינט ספעציעל פאר משה'לע רענטעלע, יעדער מענטש האט א ספעציעלע פאר-אים-דיזיינטע עקספיירעישן דעיט אויף ס'געלט.

דאס איז די גרויסע זאך פון צדקה, וואויל איז א מענטש וואס conquer'ט זיין געלט-עקספיירעישן-דעיט מיט

# אפדאנקען



געבן צדקה מיט א ברייטע האנט.

דאס איז בנוגע מיינע שיף רייזעס. יעצט צו די פליגער רייזעס, מיט א פראפעלער בין איך געפארן איינמאל, ווען ס'איז געווען די סעפטעמבער עלעווען אטאקעס, כ'בין געפארן פון ניו יארק, צו העלסינקי, פינלאנד, דערנאך צו ריגע, לאטוויע, דערנאך צו קיעוו, אוקריינע. איינס פון די צוויי שפעטערע איז געווען א פראפעלער, א אלטע פליגער מיט ווייניגער זיצן ווי יענע באס פון די ניגון "איך וויל גיין אויף מיין געלע באס", ס'האט געהאט אויף עטליכע פלעצער א לעכעלע אויפ'ן פלאר, מ'האט געקענט זען די וואסער...... (כ'בין כמעט זיכער אז ס'האט צו טון מיט די פראפעלער, א פראפעלער קען פליען אויך ווען ס'קומט אריין לופט פון דרויסן, אנדערש ווי א דזשעט פליגער וואס טאר נישט האבן די מינדעסטע עפענונג חס ושלום), מיר אלע האבן געהאט נאר הענט לאגעדזש, און עס געהאלטן אויף די שויס. ברוך השם מ'האט עס געמאכט אויף ראש השנה.

בנוגע דזשעט פליגערס, האב איך געמאכט בערך צוויי הונדערט רייזעס, (כ'האב ערגעץ א דעטאלירטע חשבון פונקטליך, ועוד חזון למועד אי"ה) בעיקר איז מיינע רייזעס צום הייליגן רבי'ן אין אומאן, דארט וואו א יעדע נשמה באנייט זיך, און נעמט פרישע ברענשטאף צו קענען אנגיין נאך א יאר און טון וואס דער באשעפער הייסט, נישט קיין חילוק צו ס'גייט ווי איך וויל צו נישט.

כ'בין געווען אין אומאן ראש השנה תשנ"ז, פאר מיין חתונה, כ'בין געווען דעמאלטס, וואס א טייל רופן, א "עכטע" ברסלב'ער, נישט געווען מקורב צו היכל הקודש, נישט געהאט קיין אאאאאאאנונג אז ס'איז דא א גן עדן וואס הייסט זאגן משניות, זאגן גמרא, איך בין געווען אזוי טיף איינגעטונקען אין די אמת'ע אמת'דיגע ריכטיגע עכטיגע עכטע עכטעדיגע אמת פון דעם רבינ'ס זאך אז כ'האב פשוט נישט געהאט קיין צייט צו עפעס אנדערש ווי זיך קאכן אינעם רבינ'ס אמת, אינעם רבינ'ס זאאאאאאאך.



**איך בין געווען אזוי טיף איינגעטונקען אין די אמת'ע אמת'דיגע ריכטיגע עכטיגע עכטע עכטעדיגע אמת**

כ'בין נישט געווען אין אומאן ראש השנה תשנ"ח (אי"ה האפנטליך אן אנדערן מאל אן ארטיקל איבער דעם). דערנאך בין איך געווען צוויי און צוואנציג יאר אין א צי ברוך השם, תשנ"ט, ביז תש"פ, דערנאך איז געווען איין יאר אומאן צוגעשפארט, ס'איז געווען פרשת מאלדאווע, קאראנע, ס'האט נישט געפאסט פאר די עירוב רב אז אידן פארן אוועק פון זייער "אידישע" מדינה צו א אנדערע פלאץ צו פייערן דעם אידישן ראש השנה, האבן זיי אנגערייצט אז מ'זאל נישט ארייינלאזן (די אוקריינער האבן גערן געוואלט די געלט וואס זיי פארדינען יעדן ראש השנה, נאר מ'האט זיי געסטראשעט אז מ'וועט מאכן א ליארעם אין די גאנצע וועלט אז זיי פארשפרייטן מחלות).

דערנאך תשפ"ב, פ"ג, פ"ד, האלט






מען ביי א קיימא לן פון זעקס און צוואנציג ראש השנה׳ס אין אומאן, שכח אייבערשטער!!!!

צו דעם בין איך געווען נאך צוויי מאל ביים רבי׳ן אינמיטן יאר, איינמאל ווען מיין זון ר׳ הערשל נ״י איז געווארן זיבן יאר אינמיטן חודש אלול (ראש השנה בעפאר, האב איך אים נישט גענומען, ס׳איז אונז ברוך השם געבוירן א בעיבי, הארט פאר ראש השנה, ס׳האט אויסגעזען ווי איך קען נישט פארן, נאר די לעצטע מינוט האב איך פארכאפט צו קענען פארן, און ר׳ הערשל איז דא געבליבן), נאכדעם בין איך געווען איינמאל מיט מיין משפחה ביים ציון פון מוהרא״ש זכותו יגן עלינו, אויפ׳ן וועג האמיר געסטאפט ביים רבי׳ן אין אומאן.

האלט מען ביי אכט און צוואנציג נסיעות פון און צו אומאן, איז עס זעקס און פופציג רייזעס, רוב דערפון איז געווען מיט א סטאפ איז עס בערך הונדערט רייזעס. כ׳האב סטעמפס אין מיין פאספארט פון א צוואנציג דרייסיג לענדער. כ׳בין אויך געפלויגן א שיינע פאר מאל צו וואקאציע ערטער, דארט וואו ס׳וואוינען די מענטשן וואס קומען צו ניו יארק סיטי׳ אויף וואקאציע. כ׳האב געהאט פיינע פיצא ביי מאצארט און נאכטמאל אין מענדל׳ס בעקיארד און געדאווענט מנחה האלבער דרייע ביי זכרון מיכל.

כ׳האב אויך סטעמפס אין מיין פארספארט פון נאך לענדער, קאנאדע, עגיפטן און נאך. אנהייב תשנ״ז בין איך געפארן גלייך מוצאי ראש השנה פון אומאן קיין ארץ ישראל, און צוריק געקומען דאנערשטאג פרשת לך לך צו א נאנטע שמחה. זייענדיג דארט אין ארץ ישראל זאגט מיר איינער פון מיינע לומדישע חברותות אז איינס פון די זאכן וואס איך מוז אקאמפלישן אין מיין קורצע וויזיט אין ארץ ישראל איז א עגיפטישע זיגל אין פאספארט, דורך אריבערגיין קיין טאבא און גלייך צוריקקומען, ער האט געוויינט צו מיר איך זאל למען השם נישט אונטערשטיין צו אהיימפארן קיין אמעריקע אן קיין עגיפטישע פאספארט זיגל.

דארט נישט ווייט פון טאבא איז דאס אלטע שטעטעלע חומוסכאלווא, דארט קומען זיי זיך צאם צוויי מאל א טאג, אינדערפרי און אין אוונט. יעדן מאנטאג און דאנערשטאג גייט איינער צו דעם פאדערשטן וואנט פון זייער בעטונגס איינזאמל פלאץ, ער פאררוקט אויף רעכטס די בלויע לייוונט און נעמט ארויס פונעם צעדערהאלצענעם שיפלאד אן אלטן פאפיראסענעם שריפט, ער לייגט עס אראפ אויף די טישעלע וואס זעט אויס אביסל ענדליך צי׳ א באלעמער, זיי רופן עס חאלאסחאלאס, מ׳רופט ביים נאמען איינער זאל קומען צום חאלאסחאלאס, דעמאלטס, ווען כ׳האב גע׳חלש׳ט פארן עגיפטישן פאספארט זיגל, האט מען אויסגערופן כראמזאללללא בין מאלאוואחדזשאכנונטכינא, ער איז א רעכטער אור אייניקל פון דעם ערשטן כראמזאלללא בין כיטרעכאטקע בין סחוגראטאכפארטאך, ער גייט צו מיט שטייטע פאמעליכע טריט, ער פרעפלט א שטילע געפרעפלאכטס, און דערנאך לייענט ער הויך פון די פאפיראסענעם שריפט (כדאי איר זאלט פארשטיין וואס ער זאגט האט עס די ברסלב׳ע בלעטל אייבערגעטייטשט פון די אור אלטע ראטאכישע שפראך אויף אונזער היימישע פישזאפטיגע אידיש) איר זאלט אנווארענען אייערע קינדער און קינדס קינדער צו גיין אין די וועג פון די עלטערן און בויען פיראמידן, לייגן א ציגל אויף א ציגל, כאפן מכות רצח, נישט זיך פארפירן פון נייע דרכים. בלייבן אין עגיפטן אין די שאטן פון די באליבטע ב׳חן׳טע עכטע פיראמידן פון אונזערע אור עלטערן, זיך נישט לאזן פארפירן פון נייע פירערס.

**כ׳האב אויך סטעמפס אין מיין פארספארט פון נאך לענדער, קאנאדע, עגיפטן און נאך**

מיר האט עס אויסגעזען ווי זיי זענען בן אחר בן פון די וואס האבן נישט געוואלט ארויס גיין מיט משה רבינו פון מצרים, נאר געשטארבן ביי מכת חושך. זיי האלטן זיך פעלזן פעסט מיט זייער מסורה פון נישט נאכגיין נייע דרכים.

שכח אייבערשטער פאר די נס אז איך בין נישט פון די וואס זאגן אויף עצתו אמונה אז דאס איז נייע דרכים, שכח אייבערשטער פאר די הייליגע ספר עצתו אמונה וואס דערמאנט מיך יעדן טאג, דער אייבערשטער איז דא, רעד צו אים, זאג אים הייליגער באשעפער איך בעט דיך גלייב מיר אז איך וויל זיין גוט, ס׳איז מיר אזוי שווער, באשעפער איך קען נישט אן דיר.

# קלאסיפייד

Deadline to advertise
Sunday 12:00 PM







א שיינע איין רומיגע דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר א שבת אדער פאר א קורצע צייט, אין די טווין ברידזש געגענט, נאנט צום בית המדרש עצתו אמונה.

אויך שטעלן מיר צו סעודת שבת קודש.

רופט לייבי ראטה - 347-578-4449

---

## צדקה בייטלעך

אלע וואס האבן א צדקה בייטל און ווילן איבערגעבן די געלט פארן ראש ישיבה קען עם איבערגעבן פאר מו"ה ישראל פוקס הי"ו.

845-720-2560

---

## KB Seamstress

136 Huschke Rd Hurleyville NY 12747

Fix your stretched shells ! Ezlastic sale ! roll fixes 10 necks for $6.50 reg $8.50. Roll fixes 20 necks for $9.99 reg $11.99.

Call Leah Weberman
845-662-4083

---

## אפיסעס צו דינגען

הערליכע שיינע אפיסעס, גרויסע און קליינע, צו פארדינגען אויף מעין סטריט אין ליבערטי.

פאראינטערסירטע רופט אדער טעקסט
646-462-8189

---

## השבת אבידה

אויפגעטויושט א שווארצע קינדער קאוט resversble sherpa מיט א אנדערע קורצע קאוט, ביים חתונה פונעם ראש ישיבה זונטאג בא.

רופט
347-461-7411



# „מעשיות פון תפילה"

## ישראל בנציון ווערצבערגער:

ברוך השם איך שפיל קלארינעט פאר אידישע קינדער בעת שמחתם, איין טאג האב איך געהאט א דזשאב, איך האב מיר צאמגענומען מיינע קלאפער געצייג פארן גיין צום דזשאב, למעשה האב איך געזען אז עס פעלט אפאר שטיקלעך פונעם קלארינעט, איך האב געזוכט און געזוכט אבער נישט געקענט טרעפן.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס טרעפן כדי איך זאל קענען גיין צום דזשאב און אנגעקומען צייטליך, "באשעפער פארשעם מיך נישט, העלף מיר עס זאל נישט זיין קיין בזיונות".

שכח אייבערשטער אז נאך אפאר מינוט האב איך עס געטראפן.

## בערל שניצלער - קרית ברסלב:

1. איין טאג אזוי פארענדיג אין די גאסן פונעם ברסלב'ן שטעטל שפיר איך פלוצלינג א זעץ ביי איין זייט פונעם קאר. איך האב געקוקט אין אלע זייטן אבער נישט געזען עס זאל עפעס האבן פאסירט, בין איך געפארן ווייטער און כמעט פארגעסן פון דעם.

למעשה האט א טאג שפעטער אנגעהויבן ארויסגיין די לופט פון איין רעדל, איך האב עס אנגעפולט מיט לופט און געפארן ווייטער. אבער א טאג צוויי נאכדעם האט דאס נאכאמאל פאסירט.

איך האב גערופן חביבים זיי זאלן אויסטשעקן וואס דא גייט פאר, זיי האבן געזאגט אז ס'איז נישט די רעדל, נאר די אייזן האט א קליינע זעץ, און פון דארט גייט ארויס די לופט.

איך בין אריינגעגאנגען צו א נישט אידישע מעקעניק ער זאל זען וואס מען קען טון, נאכן קוקן האט ער מיר געזאגט אז די רעדל האט א זעץ און מען דארף קויפן א נייע רעדל, עס קאסט בערך $600...

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל וויסן וואס צו טון דא, זאל איך טאקע קויפן א נייע רעדל, אדער גיין אפשר צו א צווייטן.

למעשה האב איך אים געזאגט אז איך וועל זען וואס איך גיי דא טון, און איך בין געגאנגען צו א אידישע מעקעניק, אפשר וועט ער מיר בעסער העלפן מיט זיין ווארים אידיש הארץ. ער האט געטשעקט פון אלע זייטן, און ער זאגט מיר ער קען עס פאררעכטן אן דארפן קויפן א נייע רעדל, ער האט געשמאלצן די אייזן אביסל כדי דאס אויסצוגראדן, און ויסעו מען קען ווייטער פארן געהעריג.

איך פרעג אים וויפיל געלט איך קום אים דערפאר, זאגט ער מיר עס קאסט $65 דאלער...

שכח אייבערשטער פארן מיר ראטעווען פון צאלן געלט אין די וועלט ארייין פאר עפעס א נישט אידישע מעקעניק וואס האט זיך פארגליסט צו מאכן א געלט אויף עפעס א אידל.

2. איך האב אנגעהויבן לערנען די געזעצן פון קענען פירן א באס כדי צו קענען העלפן טראגן די קינדער אין חדר, עס איז איינגעטיילט אין פיר פערמיטס, איך האב געדארפט אדורכגיין איין טעסט וואס דאס איז די ערשטע און די גרעסטע. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל אדורכמאכן גרינגערהייט אן קיין שוועריקייטן, שכח אייבערשטער איך האב עס ברוך השם דורכגעמאכט.

# א בריוו
## פונעם ראש ישיבה שליט"א

### די מַתָּנָה "מוֹהֲרָא"ש" זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י"א שְׁבָט, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ ווִיל דִיר פֶּערְזֶענְלִיךְ אַיינְלַאדֶענֶען צוּ דִי יָארְצַייט סְעוּדָה לְכָבוֹד מוֹהֲרָא"ש זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, וָואס וֶועט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם פָּארְקוּמֶען קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ דִינְסְטָאג נַאכְט אִין יְשִׁיבָה; מִיר וֶועלְן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט דִי מַתָּנָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אִין אוּנְזֶער דוֹר, אַזַא לִיכְטִיגְקֵייט - מוֹהֲרָא"ש זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה - וָואס הָאט אוּנְז אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן פוּן וואו מִיר זֶענֶען גֶעלִיגְן און אוּנְז צוּגֶעבְּרֶענְגְט אַז מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַלֶע דִיבּוּרִים וָואס דוּ הֶערְסְט פוּן מִיר און אַלֶע בְּרִיוְון וָואס דוּ לֵיינְסְט פוּן מִיר - דָאס אִיז אַלֶעס מוֹהֲרָא"ש; אִיךְ אָן מוֹהֲרָא"ש בִּין גָארְנִישְׁט. דִי אַלֶע שֵׂכֶל און הַקְדָּמוֹת וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה דָאס אַלֶעס קוּמְט פוּן מוֹהֲרָא"ש וָואס עֶר הָאט דָאס גֶענוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. **אַלֶע בְּרִיוְון פוּן 'עֲצָתוֹ אֱמוּנָה' און פוּן 'אִישׁ אֱמוּנוֹת' - דָאס אִיז מוֹהֲרָא"ש.**

דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט מִיר אִיז אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ דֶערְוואוּסְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דוּרְךְ מוֹהֲרָא"ש זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶען צוּם יָארְצַייט סְעוּדָה, ווַייל אִיךְ ווִיל דִיר מְחַזֵּק זַיין דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ וֶוערְן אַ מֵפִיץ; דִי יָארְצַייט סְעוּדָה וֶועט זַיין אַ **'כִּנּוּס הַמְּפִיצִים'**, אִיךְ פָּאר נִישְׁט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּם יָארְצַייט נָאר צוּלִיבּ דֶעם ווַייל אִיךְ הָאבּ אַ שְׁלִיחוּת פוּן מוֹהֲרָא"ש צוּ מְחַזֵּק זַיין דִי בָּחוּרִים און יוּנְגֶעלַייט דָא אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה.

אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט פְרֶעגְן דַיין ווַייבּ תִּחְיֶ' צִי זִי ווִיל זִיךְ מִשְׁתַּתֵּף זַיין מִיטְ'ן מַאכְן עֶפֶּעס פַאר דִי סְעוּדָה, ווִי לְמָשָׁל אַ קוּגֶל וְכַדוֹמֶה; זִי קֶען זִיךְ פַארְבִּינְדְן מִיט מָרַת ... תִּחְיֶ'.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

# א שיחה
## פון דער ראש ישיבה שליט"א



### יארצייט מוהרא"ש זי"ע

**ביים איבערגיין איבער וואס מיר האבן באקומען פון מוהרא"ש האט דער ראש ישיבה געזאגט:** היכל הקודש איז נישט דער און נישט יענער, היכל הקודש זענען די ספרים פון מוהרא"ש, די שכל פון מוהרא"ש, די עצות און חיזוק פון מוהרא"ש. אז מען לערנט יעדן טאג די בריוו, די קונטרסים און מען האט גוטע חברים מיט וועם מען איז זיך מחזק - אזא איינער פאלט נישט, אויב מען לערנט נישט די ספרים, די בריוו און קונטרסים, מען קוקט אויף דעם און מען קוקט אויף יענעם - אזא איינער קען אלעס אפלאזן.

געב זיך אכטונג פון א חסיד שנפל. דער הייליגער רבי נתן זאגט: "שמעתי מאדמו"ר", איך האב געהערט פון רבי'ן, אז א "חסיד שנפל גרוע ממשומד", א חסיד וואס האט זיך אפגעקילט - איז ערגער פון איינער וואס האט זיך גע'שמד'ט; ווייל איינער וואס האט זיך גע'שמד'ט וועט קיינער נישט אויסהערן, אבער איינער וואס זעט אויס ווי א חסיד און פון אינעווייניג איז ער פארלאשן, פול מיט ליצנות, אזא איינער הערט מען אויס און מען קען אלעס פארלירן.

זיי קלוג, הויב צוריק אן דיין שיעור אין משניות און גמרא, זאג די ווערטער אפילו אן קיין הבנה, און טענה נישט מיט קיינעם. מוהרא"ש זאגט אין די צוואה (צוואת מוהרא"ש, אות יג): "וֶוען אִיר וֶועט אָנְקוּמֶען אוֹיפְן עוֹלָם הָאֱמֶת דַאן וֶועט אִיר זִיךְ אַלֵיין אִיבֶּערְצַייגְן אִין דִי רִיכְטִיגְקֵייט פוּן דֶעם 'סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד' וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן. עֶס אִיז אַ שָׁאד דִי צַייט זִיךְ צוּ טַעֲנָה'ֶען מִיט מֶענְטְשְׁן אִיבֶּערְן 'סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד'. 'טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה'' - פְּרוּבִּירְט עֶס אַלֵיין אוֹיס, וֶועט אִיר זֶען ווִי גֶעשְׁמַאק און זִיס דָאס אִיז. וֶוען אִיר וֶועט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען אוֹיפְן 'סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד' וֶועט אִיר שְׁפִּירְן אַלֶע גוּטֶע טַעֲמִים דֶערִין, דָאס וֶועט אַייךְ גֶעבְּן אַ חִיוּת אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(מכתב ה' שלח כ"ו סיון תשפ"ג)

# א מעשה
## פון א צדיק



### שְׁטֵיין וַוייט פוּן לֵיצָנוּת

רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער הָאט זִיךְ גֶעפִירְט צוּ מְסַיֵים זַיין יֶעדֶע וָואךְ דֶעם מֶדְרָשׁ רַבָּה פוּן יֶענֶעם וָואךְ, וַוייל דָאס הָאט אִים רֶבִּי נָתָן אוֹיסְגֶעלֶערְנְט צוּ טוּן. עֶר הָאט מַסְבִּיר גֶעוֶוען דִי מֶדְרָשִׁים לוֹיט דִי תּוֹרָה פוּנֶעם רֶבִּין וָואס הָאט גֶעהַאט אַלֶע חֵן אוּן גֶעשְׁמַאק, אוּן בַּאווּאוּנְדֶערְט אַלֶע וָואס הָאבְּן זִיךְ צוּ אִים צוּגֶעהֶערְט.

אֵיינְמָאל הָאט אִים אַ גָדוֹל גֶעזָאגְט: אִיךְ לֶערְן אוֹיךְ מֶדְרָשׁ, פַארְוָואס טְרֶעף אִיךְ נִישְׁט אַלֶעס וָואס אִיר טְרֶעפְט דָארְט? זַיין לֶערְנֶען אִיז גֶעוֶוען מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע תְּמִימוּת אוּן אֱמֶת, וָואס דוּרְכְּדֶעם הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעעֶפֶענְט דִי אוֹיגְן צוּ זֶען דָארְט גֶעוַואלְדִיגֶע זַאכְן.

רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער פְלֶעגְט פַארְצֵיילְן אַז רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט גָאר שְׁטַארְק מַקְפִּיד זַיין אוֹיף לֵיצָנוּת מֶער פוּן אַלֶעם, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן: דִי עִיקָר פֶּתַח פוּן טוּמְאָה אַרַיינְצוּפַאלְן אִין אָפְּגְרוּנְד אִיז דוּרְךְ לֵיצָנוּת, דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶועג אִיז תְּמִימוּת מִיט פַּשְׁטוּת, עָמוֹק עָמוֹק מִי יִמְצָאֶנּוּ, אוּן דוּרְךְ אַבִּיסְל לֵיצָנוּת וֶוערְט מֶען תֵּיכֶף וּמִיַד דֶערְוַוייטֶערְט פוּן דִי תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת פוּן רֶבִּי'ן.

אֵיינְמָאל אִיז רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער גֶעגַאנְגֶען צוּ אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹבֵד הַשֵּׁם, יֶענֶער פְלֶעגְט דַאוֶוענֶען לַאנְגֶע שָׁעוֹת מִיט אַ גְרוֹיסֶער דְבֵיקוּת, אוּן רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט בַּיי אָנְוַוארֶעמֶען אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. דִי זַאךְ אִיז נָאר גֶעוֶוען אַז יֶענֶער הָאט גֶעהַאט דִי קְלִיפָּה פוּן זָאגְן שְׁטֶענְדִיג וֶוערְטְלֶעךְ, אֲפִילוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹבֵד הַשֵּׁם הָאט עֶר אָבֶער שְׁטֶענְדִיג גֶעזָאגְט וֶוערְטְלֶעךְ.




וֶוען רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער אִיז צוּרִיקְגֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי נָתָן הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: אַז אִיךְ זָאל דִיר זָאגְן גֵיי נִישְׁט צוּ אִים קֶען אִיךְ נִישְׁט, אָבֶער אוֹיב גֵייסְטוּ צוּ אִים דַאן קוּם נִישְׁט צוּ מִיר. אַזוֹי וַוייט הָאט רֶבִּי נָתָן מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף וֶוערְטְלֶעךְ אוּן דִיבּוּרִים פוּן לֵיצָנוּת.

רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען פוּן רֶבִּי נָתָן אַז דוּרְךְ דִי קְלִיפָּה פוּן לֵיצָנוּת אוּן וֶוערְטְלֶעךְ פַאלְט אַוֶועק דִי יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶס וֶוערְט שְׁוַואךְ דִי אֱמוּנָה, בִּיז יֶעדֶער אֵיינֶער וֶוערְט אִין זַיין אוֹיגְן גָארְנִישְׁט וֶוערְד. דוּרְךְ לֵיצָנוּת פַארְטְרַייבְּט מֶען דִי שְׁכִינָה, רַבֵּינוּ הַקוֹדֶשׁ הָאט בַּאפוֹילְן זַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן נִישְׁט וואוֹינֶען אִין שְׁכֶנְצִיב וַוייל זֵיי זֶענֶען לֵצִים אוּן מֶען קֶען זִיךְ פוּן זֵיי חַס וְשָׁלוֹם אָפְּלֶערְנֶען.

(ספר אילן החיים סימן קסב - קסז)

# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע

| פ א ר ז ע צ ו נ ג |

## - ס"ג -

**פָארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:** עֶס הוֹיבְּט זִיךְ אָן אַ גְרוֹיסֶע מַחְלוֹקֶת אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, טְרָאץ דִי גְרוֹיסֶע מַחְלוֹקֶת, זֶענֶען דִי תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וַוייטֶער גֶעקוּמֶען צוּ אִים קַיין זְלַאטִיפָּאלֶע פוּן אַלֶע אַרוּמִיגֶע שְׁטֶעט וואוּ זֵיי הָאבְּן גֶעוואוֹינְט, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע מַחְלוֹקֶת וָואס אִיז גֶעוָוארְן אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן.

* * *

אֵיינְמָאל, אִין בְּרֶען פוּן דִי גְרוֹיסֶע מַחְלוֹקֶת אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶוען מְ'הָאט גֶערֶעדְט אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, הָאבְּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז סְ'אִיז זֵיי זֵייעֶר שְׁוֶוער אוֹיסְצוּהַאלְטְן דִי אַלֶע מַחְלוֹקֶת, רְדִיפוֹת, אוּן בִּזְיוֹנוֹת. הָאט דֶער רֶבִּי זֵיי גֶעזָאגְט, "גְלוֹיבְּט מִיר, אִיךְ קֶען מַאכְן שָׁלוֹם מִיט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט קְרִיגְן אוֹיף מִיר. וָואס זָאל אִיךְ אָבֶער טוּן אַז סְ'אִיז דָא אַזֶעלְכֶע מַדְרֵיגוֹת אוּן הֵיכָלוֹת וָואס מְ'קֶען דָארְט נִישְׁט אָנְקוּמֶען נָאר דוּרְךְ מַחְלוֹקֶת.

"אַ רְאַיָה הָאט אִיר פוּן משֶׁה רַבֵּינוּ, וָואס עֶר הָאט דָאךְ זִיכֶער גֶעהַאט דֶעם כֹּחַ צוּ צִיעֶן צוּ זִיךְ גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (שְׁמוֹת ל"ה, א') "וַיַּקְהֵל משֶׁה אֶת כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל", וַוייל עֶר אִיז דָאךְ גֶעוֶוען דֶער דַעַת פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאבְּן אִידְן גֶעקְרִיגְט אוֹיף אִים, ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (שְׁמוֹת ל"ג, ח') "וְהִבִּיטוּ אַחֲרֵי משֶׁה", אוּן חֲזַ"ל דַרְשְׁ'עֶנֶען דֶערוֹיף (יְרוּשַׁלְמִי בִּיכּוּרִים, פֶּרֶק ג', הֲלָכָה ג') אַז דִי אִידְן הָאבְּן גֶערֶעדְט אוֹיף משֶׁה רַבֵּינוּ, "קוּק ווִי פֶעט זַיינֶע פִיס זֶענֶען, עֶר עֶסְט אַלֶעס פוּן דִי אִידְן". אוּן עֶנְלִיךְ זָאגְן חֲזַ"ל (סַנְהֶדְרִין ק"י.) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר ט"ז, ד') "וַיִּשְׁמַע משֶׁה וַיִּפֹּל עַל פָּנָיו", אַז עֶר הָאט גֶעהֶערְט ווִי דִי אִידְן זֶענֶען אִים חוֹשֵׁד מִיט אֵשֶׁת אִישׁ.

"דִי אַלֶע מַחְלוֹקֶת הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעפֶּעלְט וַוייל סְ'אִיז דָא אַזֶעלְכֶע זַאכְן צוּ וָואס מְ'קֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען נָאר דוּרְךְ מַחְלוֹקֶת, וֶוען מְ'קְרִיגְט אוֹיף אִים, ווִי חֲזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין ז.) "הַאי תִּיגְרָא דַּמְיָא לְבִידְקָא דְּמַיָּיא" מַחְלוֹקֶת אִיז אַזוֹי וַואסֶער, ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (מִשְׁלֵי י"ז, י"ד) "פּוֹטֵר מַיִם רֵאשִׁית מָדוֹן", אוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז ווִי אַ בֵּיימְל, ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְבָרִים כ', י"ט) "כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה". ווִי מֶער מְ'גִיסְט וַואסֶער אַרוּם דֶעם בּוֹים, אַלְץ בֶּעסֶער וַואקְסְט עֶס".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר הָאט וַוייטֶער גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ.

אוֹיךְ דָארְט אִין זְלַאטִיפָּאלֶע הָאט דֶער רֶבִּי אַסַאךְ גֶעפַאסְט. אֵיין מָאל הָאט עֶר גֶעפַאסְט מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת, אוּן פְרַייטָאג הָאט עֶר גֶעדַארְפְט פָארְן צוּ דִי מִקְוֶה, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין כֹּחַ צוּ גֵיין. עֶר הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אַז דָאס הָאט פַּאסִירְט וַוייל מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן אַז עֶר פַאסְט, דֶערְפַאר אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַזוֹי אָפְּגֶעשְׁוַואכְט.

זַייעֶנְדִיג דָארְט אִין זְלַאטִיפָּאלֶע, הָאט דֶער רֶבִּי מַשִּׂיג גֶעוֶוען דֶער עִנְיָן פוּן תִּקּוּן נְשָׁמוֹת. [אַזוֹי הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט שְׁפֶּעטֶער אִין יָאר תקס"ו וֶוען עֶר אִיז גֶעוָוארְן דֶער בַּעַל הַשָּׂדֶה, זֶע שְׁפֶּעטֶער אִין סִימָן תר"ג].



כָאטְשׁ וָואס עֶס הָאט גֶעבְּרֶענְט אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן אַ גְרוֹיסֶע מַחְלוֹקֶת אִין דִי שְׁטָאט זְלַאטִיפָּאלֶע, פוּן דֶעסְט וֶועגְן אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בַּאקַאנְט גֶעוֶוען אַלְס אַ גָאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, אַ קָדוֹשׁ וְנוֹרָא, אוּן מְ'אִיז גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן צוּ אִים פוּן אַסַאךְ פְּלֶעצֶער.

אִין אַ דָארְף נָאנְט צוּ זְלַאטִיפָּאלֶע הָאט גֶעוואוֹינְט אַ אִיד וָואס עֶר הָאט אָפְּגֶעדִינְגֶען דִי אַרֶענְדֶע פוּנֶעם אָרְטִיגְן פְּרִיץ, אוּן אַלֶע קְרֶעטְשְׁמֶעס אִין דִי גַאנְצֶע אוּמְגֶעגְנְט הָאבְּן גֶעדַארְפְט צָאלְן דִי רַאטֶעס פַאר אִים.

עֶר הָאט גֶעהַאט זֵייעֶר אַ וואוֹילֶע עֶרְלִיכֶע וַוייבּ, זִי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גוּטְהַארְצִיגֶע אוּן רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף דִי אִידְן וָואס הָאבְּן גֶעהַאלְטְן דִי קְרֶעטְשְׁמֶעס, אוּן וֶוען סְ'הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַז אֵיינֶער פוּן זֵיי הָאט נִישְׁט גֶעהַאט דָאס גֶעלְט צוּ צָאלְן פַאר אִיר מַאן דִי רַאטֶע, הָאט זִי זֵיי גֶעגֶעבְּן דָאס גֶעלְט צוּ קֶענֶען בַּאצָאלְן.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה
**גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"**

# א ברסלב'ע שוואנץ

ישראל דוד העסקעל

**איין** ווארט דארפסטו וויסן דא אין אמעריקע! דו ווייסט וועלכע ווארט?

יא, ענטפער איך גראד, אוודאי ווייס איך דעם איין ווארט וואס יעדער דארף וויסן - 'אייבערשטער! אן אייבערשטער איז גארנישט דא!'

יא יא אוודאי, ענטפערט ער מיך, אבער נישט דאס מיין איך...

אינפלעישן!

אינפלעישן, אלעס איז די אינפלעישן און די רעיטס, ארום דעם לויפט אלעס...

לאמיך דיר עס מסביר זיין, זאגט ער... אינפלעישן איז טייטש וויפיל ריבית די באנק לייגט ארויף אויף יעדע הלוואה. פארוואס אלעס דרייט זיך ארום דעם איז פשוט ווייל יעדע מארטגעדש און יעדע פיינענס אדער ליעס וכו' אלעס איז יעצט דראסטיש ארויף וועגן די רעיטס און יעצט קען מען ממש גארנישט טון, ס'רוקט זיך גארנישט...



אין קורצן, די מצב יעצט איז שווארץ! מ'קען נישט קויפן קיין הייזער קיין קארס מ'קען נישט טון קיין ביזנעס ס'איז א חורבן....

איך ענטפער אים נאכאמאל אלעס איז אייבערשטער, רעיטס איז אייבערשטער, אינפלעישן איז אייבערשטער, פיינענס איז אייבערשטער און ליסינג איז אייבערשטער, אלעס איז נאר אייבערשטער!

זעענדיג ווי ער קוקט מיך אן כאילו איך בין אראפ געפאלן פון די לבנה זאג איך אים "איך וועל עס דיר מסביר זיין אזוי ווי דו האסט מיר מסביר געווען..."

ווען איינער האט פאר עטליכע יאר צוריק געקויפט א הויז אדער געליעסט א קאר אדער געטון סיי וועלכע זאך אין ביזנעס ווייל ס'איז דא גוטע רעיטס איז ער יעצט טאקע אויף גוטע צרות ווייל יעצט איז די



רעיטס אין דער ערד ס'טוט זיך אן אינפלעישן און זיי זאגן אז מ'איז אויפן שוועל פון א רעסעסיע... און לאמיר נישט פארגעסן פון ביידן און פון טראמפ... יא ביי איין קופקע איז ביידן ממש געפערליך און "ער" איז אין אלעם שולדיג והא ראיה... און ביים צווייטן קופקע איז פונקט פארקערט, טראמפ איז גאר מסוכנ'דיג ער פירט זיך ווי א דיקטאטור אויב וועט ער עס מאכן מוז מען אנטלויפן... מענטשן כאפן נישט, ער ברעינוואשט, ס'גייט זיין צרדרות...

די מענטשן זענען זייער באטראפן יעצט, זיי וויסן נישט וואו געבט מען זיך אן עצה ווייל זיי לעבן מיט איין ווארט - אינפלעישן.

אבער אויב האט איינער פאר עטליכע יאר צוריק גענומען א מארטגעדש אדער א ליעס צו א פיינענס און געוואוסט אז ממלא כל עלמין וסובב כל עלמין אין שום מציאות מבלעדיך יתברך כלל, דער לעבט יעצט אויך אזוי מיט זיין איינעם ווארט - אייבערשטער!

קיינער קען מיר נישט געבן און קיינער קען מיך נישט צונעמען אלעס איז אייבערשטער נישט דא קיין טראמפ, נישט דא קיין ביידן, נישט דא קיין פוטין און קיין האוטי' רעבעלן, ס'איז נאר דא אייבערשטער!!!

אויב לעבט מען מיט דעם איין ווארט איז מען דער גליקליכסטער מענטש, מ'דארף קיינעם נישט געפעלן נאר דעם אייבערשטן, מ'מאכט נישט פון קיינעם קיין מציאות נאר פונעם אייבערשטן, דער מענטש זוכט קיינעם נישט געפעלן נאר דעם אייבערשטן!

פאריגע וואך האב איך געהאט די זכי' פון קענען מיטהאלטן די גאר דערהויבענע חתונה בבית הראש ישיבה שליט"א מיטן חשובער מחותן דער מנהל הרב אברהם משה שטראססער שליט"א ס'איז געווען די ערשטע מאל וואס איך זוכה געווען מיטצוהאלטן א חתונה אין ישיבה.

ס'איז דא אנשי שלומינו וואס זאגן א חתונה אין ישיבה איז גארנישט אנדערש ווי א צווייטע חתונה מ'איז די זעלבע פריילך ס'איז דא מוזיק יעדער טאנצט ס'פעלט בכלל נישט אויס זיך נאריש צו מאכן און אויסגעבן געלט פאר א "געהעריגע נארמאלע" חתונה אין א זאל מיט שפילער און זינגער מיט קווייערס און קעיטערערס מיט בל תשחית און ענדיגן פיר אזייגער פארטאגס אויסגראמען יעדע צווייטע קאזין...

מ'קען חתונה מאכן אין ישיבה בחנם!

נאכאמאל ס'איז אפשר נישט אזוי איינגענעם... מ'פארענטפערט זיך אז דא איז די בזיונות נאר פאר עטליכע שעה און דערנאך קען מען לאכן... און דער וואס מאכט א "געהעריגע נארמאלע" חתונה און בארגט פון צען גמ"ח'ן א קיימא לן פון הונדערט אלפים, ער וועט האבן כבוד אפאר שעה און בזיונות פאר דאס איבריגע לעבן.

אבער נאכן מיטהאלטן א חתונה אין ישיבה זאג איך אנדערש, א חתונה אין ישיבה איז היפש אנדערש פון א צווייטע חתונה...

דער ראש ישיבה זאגט א ווערטל אז א איד איז אמאל געקומען צו א חתונה און געפרעגט איינעם ווער איז דער בעל שמחה? האט דער מחותן געענטפערט דער בעל שמחה זיצט אויבן אין אפיס... איך בין דער בעל חוב...

נישט די זעלבע קען געזאגט ווערן אויף א





חתונה אין ישיבה!

איך בין נייגעריג אויב וואלט א פרעמדער אריינגעקומען, וואלט ער בכלל געקענט כאפן ווער ס'זענען די מחותנים... די גאנצע אטמאספער איז אזוי פרייליך יעדער טאנצט און שפרינגט, און דארט אינעם רינג טאנצט דער מחותן וואס האט זוכה געווען צו קענען חתונה מאכן א קינד אינג אזוי ווי די תורה וועג און דארף פאר קיינעם נישט צאלן קיין רויטן גרייצער!

קיינער נישט אנגעצויגן און נערוועז קיינער האט נישט קיין פרעשור, די בעלי שמחה זענען עכטע בעלי שמחה, טאנצן און פרייען זיך ביי זייער שמחה.

ס'איז גאר גאר אנדערש פון א "געהעריגע נארמאלע" חתונה... פרייליכע חתן כלה און פרייליכע מחותנים א פרייליכע אטמאספער. קיין אין בעל חוב! קיין ברעקל עסן אין מיסט! קיין שושבינין וואס טראכטן "א מין בעיבי דער מחותן".

אינמיטן די חתונה האט זיך די מוזיק פארלאשן פאר א מינוט. איינער פון אנשי שלומינו האבן זיך אנגערופן אז זיין פעטער האט באצאלט פאר דעם צוואנציג טויזנט דאלער! וואס הייסט?

זיין פעטער האט חתונה געמאכט פאר עטליכע חדשים צוריק כאחד הנגידים און פארשטייט זיך צוגעשטעלט א מוזיק סטעידש צום געדענקען... א זינגער וואס נעמט א צענער, מיט שפילערס און א קווייער, געהעריג נארמאל.... אינמיטן טאנצן האט עפעס פאסירט און די מוזיק איז געווען פארלאשן פאר גאנצע פינף מינוט, און קוק אהער דא ביי די חתונה אין ישיבה איז עס געווען פאר בחנם!

יא יא אזא פנים האט עס... זאלן זיך אלע פארענטפערן אז ווען זיי "מוזן" מאכן "געהעריגע נארמאלע" חתונות פרובירן זיי אויך צו קענען זיין אזוי פרייליך ווי א גליקליכע מחותן וואס קען חתונה מאכן אין ישיבה.



ביים הפסקה בין איך געגאנגען זאגן מזל טוב פארן מחותן הרב אברהם משה און רעדנדיג מיט אים האב איך באמערקט אז ס'הענגט א שטיקל שוואנץ פון זיין שטריימל... הרב אברהם משה טראכט נישט קיין צוויי מיט די גרעסטע שמייכל פליקט ער אראפ דעם הענגענדיגן שוואנץ און געבט מיר עס, ער זאגט מיר דא האסטו "מזכרת" פונעם חתונה 'א ברסלב'ע שוואנץ...'

אזוי קוקט עס אויס ווען מ'לעבט מיטן אייבערשטן, די גאנצע לעבן באקומט א נייע בליק, איך טו נישט, איך מאך נישט, איך קען גארנישט! איך לעב מיטן אייבערשטן, און נאר אים זוך איך צו געפעלן.

אינפלעיישן איז אייבערשטער, חתונה מאכן א קינד איז אייבערשטער און וואס יענער וועט זאגן? יענער וועט זאגן הלוואי זאל איך קענען זיין האלב אזוי פרייליך ווי דער מחותן וואס מ'רופט אים אויס צום מצוה טאנץ צוואנציג צו עלף יעמוד יעמוד!!!

אשרינו אז מיר לעבן אין חדר היכל הקודש ווי מיר קענען לעבן אין גן עדן און טראכט נאר פונעם אייבערשטן. איין ווארט קענען מיר און נאר מיט דעם לעבן מיר: אייבערשטער!

אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!

בס"ד

יומא דהילולא קדישא
י"ז שבט

282 • DESIGN | 845.406.4250

# די הייליגע ירושה




יעצט, ביומא דהילולא קדישא פון
כ"ק מוהרא"ש זי"ע, לאמיר זיך מחזק זיין אינאיינעם
מקיים צו זיין די הייליגע צוואה פארשפרייטן זיינע
לעכטיגע ספרים און קונטרסים!

די הבטחה:

"און איך זאג צו ווער
עס וועט דארפן א
ישועה אדער א
רפואה וכו' וכו' אויב
ער וועט אפדרוקן
א חלק אשר בנחל
וועט ער זען גלייך א
ישועה"

(אשר בנחל אידיש
מכתב כב')

קרן הדפסה היכל הקודש
**718•387•2691**

היכל הקודש

# COVERAGE FOR ALL YOUR NEEDS.

## Protecting your family and your property is our top priority.

We are proud to offer diverse and affordable products to help you better protect your family and your property. Let us help you today!









## Protection that matters

- Travel Insurance
- Bop Programs
- Casualty
- Commercial Auto Liability & Garage
- Commercial
- Environmental Liability
- Excess/ Umbrella
- Marine & Inland Marine
- Personal Lines
- Professional Liability
- Property
- Workers' Compensation

## Salz & Associates LLC

212-725-9467
212-SALZ INS
esalz@salzandassociates.com
salzandassociates.com

# Precision in *Pennies*

*Now providing personal tax filing services*



We're excited to announce our new service, dedicated to making your tax season stress-free. Trust our experts for precision and maximum returns. Contact us now for financial peace of mind!

**KB BUSINESS SOLUTIONS**
BOOKKEEPING SERVICES

Ephraim Feldman
1-845-293-7667
kbbsbookkeeping@gmail.com

ZEBRA



# מפיצים
## פאנעל

מיט גרויס התרגשות טוען זיך אלע אנשי שלומינו די בכל אתר ואתר – גרייטן צום נײנטן יומא דהילולא קדישא פון אונזער אומפארגעסליכן געטרייע פאסטוך כ"ק הרה"ק מוהרא"ש זצוקללה"ה.

עס איז דאך ידוע אז ביי אונזער הייליגע רבי כ"ק מוהרא"ש זי"ע איז די ערשטע, מיטלסטע און לעצטע זאך געווען "הפצה" – ארומגיין פארשפרייטן דעם הייליגן רבינ'ס ליכטיגקייט איבער די גאנצע וועלט. דעריבער טוט דער "קרית ברסלב בלעטל" ברענגען צו אייך צום ערשטן מאל ערשט האנטיגע שמועסן אפגעהאלטן מיט געטרייע איבערגעגעבענע מפיצים וואס זענען עוסק אין אנטרינקעןביימער און פארשפרייטן די שטויב פון צדיקים פאר די גאנצע וועלט, און זיי גייען ארום פון הויז צו הויז, פון טיר צו טיר, מיט גליונות, קונטרסים און ספרים מיד ליד, אלעס כדי צו קענען מזכה זיין א נאך א איד מיט די לעכטיגע עצות פון הייליגן רבין.

*נפתלי הירצקא וואלנער*

# מפיצים פאנעל



**אט ליינט א שמועס מיט המפיץ הגדול מו"ה מרדכי לייב טירנויער הי"ו, ר' מרדכי לייב - חוץ זיין הפצה איז ער בעצם א חידוש עצום, א אינגערמאן וואס האט שוין מסיים געווען צוויי מאל ש"ס, און ער איז מסיים יעדע חודש משניות, תקוני זוהר און ליקוטי מוהר"ן. היינט ברענגען מיר אים ארויף צו פארציילן זיינע פעולות נשגבות אין הפצה...**

**א גוטן וואס הערט זיך מיין טייערער חבר ר' מרדכי לייב?**

שכח אייבערשטער, דער אייבערשטער איז זייער גוט צו מיר.

**הו הא... קודם שטעלט אייך פאר פאר די טייערע ליינער, ווער איז דאס ר' מרדכי לייב טירנויער?**

איך בין א פשוטער אינגערמאן וואס האט גענומען פאר זיין ציל אין לעבן צו פאלגן די צדיקים און עוסק זיין אין הפצה.

**דורך וועלכע וועג פון הפצה זענט איר מקורב געווארן?**

אלס אינגער בחור בין איך אלץ צוגעצויגן געווארן צו די גליונות וואס איך האב אלץ געטראפן אין די שול'ן, ס'האט מיך זייער געכאפט, און איך האב אפגעמאכט אז איך וויל באלאנגען צו אזא הייליגע פלאץ.

**ווער האט דיר מאטאווירט צו גיין הפצה?**

עס איז געווען ווען איך האב אנגעהויבן הערן די לעכטיגע רייכע שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א, דעמאלטס האב איך נאך געלערנט אין א אנדערע ישיבה, איך פלעג פון צייט צו צייט ארויפקומען אין ישיבה דאנערשטאג נאכט צו די ליל שישי שיעור. נאכן שיעור פלעג איך אהיימנעמען די וועכענטליכע גליונות. יעדע מאל האט מיר המפיץ הגדול מו"ה יענקל דעקטער הי"ו געבעטן טאמער איך קען מיטנעמען נאך צוויי דריי גליונות און דאס אראפלייגן ערגעץ, איך פלעג טראכטן וואס ווילסטו פון מיר, לאז מיך נעמען די גליון פאר מיר און שוין, איך וויל דאך נישט דער עולם זאל געוואויר ווערן אז איך האב עפעס מיט דעם פלאץ. למעשה האט מיר ר' יענקל איבערגערעדט, איך פלעג אים טון א טובה און נעמען צוויי דריי שטיק. איך האב עס אראפגעלייגט אויף די ערשטע פלאץ וואס איך האב געקענט, צו אויף א באס אדער אין א בית המדרש. למעשה בעפאר די זומער ביים לעצטן ליל שישי שיעור וואס איך בין געווען אין ישיבה פאר קעמפ וואס דעמאלט האב איך נאך געלערנט אין מיין אלטע ישיבה האט מיר ר' יענקל אנגעפילט א גאנצע זאק מיט אסאך גוטע סחורה, און דעמאלט האב איך ברוך ה' אנגעהויבן מפיץ צו זיין אויף א גרויסע פראדוקציע, נאכדערצו זעענדיג ווי בחורים קריכן אויף די גראדע ווענט, ווען מ'האט שוין געענדיגט פייניגן אלע משגיחים וואס האבן באקומען א באנגעלוי פאר חצי בחינם, און זייער ארבעט איז געווען נאכצוקוקן אלע בחורים וואס זענען ארויסגעגאנגען פון די צוים שפאצירן אין ווואלד 'רחמנא ליצלן', צוזעענדיג די מצב האב איך אנגעפילט די קעמפ מיט גליונות, אזש די בית המדרש איז געשווימען אין גליונות, וואו מ'האט געעפענט סיי וואספארא ספר איז ארויסגעפאלן א גליון, און אויך די ווואלד אינדרויסן פון די תחום האב איך איבערגעלאזט גוטע סחורה.

**איר גייט מיט א חברותא אדער איר גייט אליינס?**

אנגעהויבן האב איך מיט א חברותא, און אזוי וואלט איך ג'עצה'ט פאר אלע פרישע מפיצים זיי זאלן אזוי אנהייבן, אבער כהיום גיי איך אליינס, מיר איז עס גרינגער, אבער ווען איך גיי אין ישיבות בין איך יא מקפיד צו גיין מיט א חברותא.

**ס'דא אסאך מענטשן וואס הערן דעם ראש ישיבה'ס שיעורים אבער זיי שעמען זיך מיט די פלאץ, זיי**

**זאגן נישט פאר קיינעם אז זיי לעבן פון דעם פלאץ, ווי אזוי האט איר זיך ארויסגעשטעלט מיט א שטארקייט אז יא איך בין א 'ברסלבער', און איר זענט געגאנגען בריש גלי הפצה מיד ליד, ווי אזוי האט איר געהאט די שטארקייט אנצוהייבן?**

איך האב געזען וואס דער בעל הילולא מוהרא"ש זי"ע ברענגט אין ספר אשר בנחל פעמים אין מספר פון זוהר הקדוש אז רבי שמעון בר יוחאי זאגט "די גרעסטע זאך איז צוריקצוברענגען מענטשן צום אייבערשטן וואס דאס איז הפצה".

און אז מ'גייט הפצה שיקט שוין דער אייבערשטער צו די ווארעמע חיזוק ווי אידן באדאנקען זיך אז ס'ראטעוועט ממש זייער לעבן און אז ס'טוישט זייער שטוב, דאס איז שוין די גרעסטע התחזקות.

**אין היכל הקודש זענען דא אסאך וואס זיצן אין א ווינקל און ענדיגן ש"ס צוויי דריי מאל א יאר מיט סיומים און נאך, די וואלסט דאך אויך געקענט זיין א גרויסער מחותן, וואס האט דיר געמאכט למעשה ווערן א מפיץ?**

איך האב געקוקט אויפן ראש ישיבה, אויב ער וואס איז אן אייניקל פון גרויסע מענטשן און האט דאך שוין אויך געשפירט דעם טעם פון זיצן אין א בית הוראה און פסק'ענען שאלות, אזוי אויך איז ער געווען א מנהל אין א מוסד וואס די הכנסה איז געווען אסאך געלט, און דאך האט ער אלעס אויפגעגעבן און זיך פארשמירט זיין נאמען אין אלע גאסן, אלעס נאר כדי מיר צו העלפן מאכן פאר א ערליכער איד, דארף איך דאך זיכער פארקוקן אויף מיינע באקוועמליכקייטן און ארויסקומען

אין אלע גאסן פארשפרייטן די שטויב פון צדיקים.

איך קען נישט מסביר זיין די געוואלדיגע סיפוק וואס א מפיץ שפירט בשעת'ן גיין הפצה ממש נישט צום באשרייבן, איך בין זיכער אז ווען אנשי שלומינו וואלטן ווען געוויסט וואס מ'באקומט וואלטן זיי זיכער מער עוסק געווען אין הפצה... אבער אזוי ווי ליידער אויך צווישן אנשי שלומינו איז הפצה אביסל א פארשעמטע זאך במילא גייט מען נישט קיין הפצה. איך וואלט רעקאמענדירט פאר יעדן איינעם עס ארויסצופרובירן לכבוד די יארצייט, אנצוכאפן א פעקעלע קונטריסים און גליונות און זיך ארויסלאזן אויף די יארכע, מ'וועט אנפאנגען שפירן א אנדערע טעם אין די התקרבות.

איין וויכטיגע נקודה וואלט איך






יא געוואלט צולייגן, אויב מ'טראכט פון וויפיל געלט מ'גייט קענען צוזאמשטעלן דאן מאכט מען גארנישט, אבער אז די מוח ליגט אין הפצה אז נאך א איד זאל וויסן פונעם אייבערשטן, דעמאלטס קומט די שפע בעזרת השם, מוהרא"ש זי"ע האט צוגעזאגט: "ווער עס וועט גיין הפצה וועט אלץ האבן געלט אין טאש" און מ'זעהט עס בחוש איך האב אלץ געלט אין טאש וויפיל איך דארף, ס'דא ברוך ה' גרויס שפע אזש איך וויל יעצט אפילו אפגרעידן מיין קאר, אפשר א נעוויגעיטע"ר אדער א עקספעדישע"ן, איך דארף עס האבן 'לצורך פרנסה'... דער ראש ישיבה האט מיר אמאל געזאגט אז א מפיץ דארף האבן די שענסטע קאר כדי ווען איך קום אן אין א ישיבה מיט א נעוויגעיטע"ר זאל יעדער פאלן פאר מיר...

**וואס טוט זיך וועגן 'בזיונות' ווי אפט מאכט זיך א בזיון און וואס טוט מען דערצו?**

יעצט האסטו אנגערירט א סאפ"ט ספא"ט אין מיין הארץ, איך וועל דיר זאגן, עס שטייט אין כמה פלעצער אין ש"ס ווי איינע פון די תנאים האבן מחייב געווען די גאנצע וועלט אין א מדה וואס זיי זענען געווען אויסגעארבעט, אזוי ווי עס שטייט רבי מחייב עשירים, וויל איך זאגן אז "מרדכי לייב מחייב את אנשי שלומינו"!! דער אייבערשטער האט מיר געגעבן א נסיון פון כבד פה, וואס דאס קלאפט שטארק אויס ביי מיין פאך פון גיין הפצה מיד ליד ביי טירן, היינט איז שוין אסאך אסאך בעסער אבער אמאל ווען איך האב אנגעהויבן גיין הפצה איז ממש געפאלן פון מיר שטיקער, און איך האב עס ברוך ה' כמעט אינגאנצן דורכגעבראכן מיט תפילה, און נאר מיט תפילה. און דאס איז א זאך וואס קען געבן אסאך חיזוק פאר אנדערע וואס מוטשען זיך מיט שוועריקייטן ביים גיין הפצה, זיי טראכטן אלע סארטן מחשבות פארוואס נישט צו גיין הפצה, קען איך אבער זאגן איין זאך "קוק אויף מיר, איך גיי הפצה אפילו איך האב דעם פראבלעם, איך קוק נישט אויף דעם, איך לייג אלעס אין א זייט און איך טוה וואס איך האב צוטון"!!!...

**אפשר קענט איר פארציילן עפעס א מעשה ווי איינער איז געקומען צו אייך באדאנקען אז איר האט ממש אויפגעראכטן זיין לעבן מיט די שיעורים און די עצות?**

כסדר קומען צו אידן זיך באדאנקען, אבער די שטערקסטע איז נאך ווען איך זע א איד און איך טראכט צו מיר: "ער דארף דען חיזוק ער גייט דאך אנגעטון ממש ווי א רשכבה"ג, ער דארף דאס האבן"? למעשה קומען זיי צו שטילערהייט פרעגן צו איך האב די גליון פון די וואך און זיי לייגן צו אז זיי לעבן ממש פון דעם.

**אפשר קענט איר פארציילן מער איבער די ערשטע מאל וואס דו האסט אנגעהויבן גיין הפצה ביי די הייזער?**

איין טאג האב איך אפגעמאכט גענוג איז גענוג איך גיי ברעכן די אייז, מ'גייט זיך ארויסלאזן אויף די יארכע גיין הפצה ביי די הייזער. איך בין דאן געווען אין קרית יואל, מיין הארץ האט אזוי געבאכעט און געזעצט, אבער ברוך השם איך האב דאס אויך אדורך געשוויצט, איך האב מיך אנגעהויבן שפירן אזוי גוט, איך בין ענדליך א מפיץ אין די עפנטליכקייט, דער עולם נעמט, דער עולם געבט שיין צדקה, ממש א מחי', דער אייבערשטער זאל העלפן ווייטער. און דאס מאכט א מענטש שטארק מיט זיין התקרבות, עס מאכט אים פריש, אזוי ווי דער ראש ישיבה זאגט אלץ.

**א טיפ און א חיזוק פאר די פרישע מפיצים.**

איך וויל דערציילן א מורא'דיגע מעשה וואס איך האב געהאט

מיטן ראש ישיבה וואס וועט מיטן אייבערשטענ'ס הילף זיין א שטארקע חיזוק; אלס בחור בין איך אמאל געגאנגען הפצה אין ישיבות פאר גאנצע אכט שעה אין א צי! איך בין נאכדעם געקומען צום ראש ישיבה מיט עקסטאז זאגן אז איך בין געגאנגען גאנצע אכט שעה הפצה, און איך בין געווען זיכער אז דער ראש ישיבה גייט מיך גלעטן... דער ראש ישיבה פרעגט מיר: "האסט מפיץ געווען איין גליון"? האב איך געזאגט אז יא, "אויב אזוי איז גוט". דער ראש ישיבה האט מיך דעמאלטס אריינגעלייגט אין קאפ אז אפילו א טאג וואס איך גיי נישט קיין אכט שעה, זאלסטו כאטש זען צו מפיץ זיין איין קונטרס, איין גליון.

**דער עולם ווארט צו הערן עפעס א פרישע קריספי מעשה פון הפצה, נא ר' מרדכי לייב המפיץ...**

איך בין געווען אין א געוויסע פלאץ, איך האב געקלאפט אויף א טיר אין א חשובער 'שליח' א דורכגעווייקטער חסידישער ליובאוויטש'ער חסיד האט געעפענט די טיר און ער זאגט מיר אז ער לעבט ממש פון דעם פלאץ, יעדע שיעור האלט ער מיט, און יעדע קונטרס באקומט ער, ער האט זיך זייער געפרייט מיר צו זען ווייל מיר ביידע זענען עוסק אין די זעלבע פעלד "הפצה", ווי דער הייליגע תולדות יעקב יוסף ברענגט אז דער הייליגער בעל שם טוב האט געפרעגט משיח צדקינו אימתי קאתי מר - ווען קומט איר, האט משיח געענטפערט לכשיפוצו מעינותיך חוצה - ווען דיינע עצות וועט ווערן פארשפרייט אין די וועלט, דאס מיינט אז ווען תורת הבעל שם טוב וועט אריינגיין אין די וועלט, און דער הייליגער רבי איז דאך אן אייניקל פונעם הייליגן בעל שם טוב.

זייטס אלע געבענטשט - און וויסן זאלט עטס אז מ'קען מיך נאכמאכן.

**דער אייבערשטער זאל העלפן דו זאלסט האבן אסאך הצלחה אין דיין הייליגע ארבעט, ועל ידי הפצת ספרי רבינו נביא את משיח צדקינו.**

יעצט ברענגען מיר אייך א שמועס וואס מיר האבן אפגעהאלטן מיט הרב ר' יואל פארקאש שליט"א גבאי בית המדרש היכל הקודש קרית יואל, ר' יואל פירט שוין דעם בית המדרש לאנגע יארן, און גאר אסאך תלמידי היכל הקודש זענען דארט מקורב געווארן אדער אויפגעוואקסן און באקומען פון ר' יואל חיזוק זיך צו דערהאלטן אין היכל הקודש.

היינט וועט מען כאפן א שמועס איבער די הפצה אין וואס ער איז עוסק:



**א גוטן וואס הערט זיך?**

הודו לה' כי טוב.

**קודם שטעלט אייך פאר פאר די טייערע לייענער ווער איז דאס הרב ר' יואל פארקאש?**

איך ווייס אויך נישט, אבער אין הימל ווייסט מען.

**דורך וועלכע טעכניק פון הפצה זענט איר מקורב געווארן?**

מיך האט מקרב געווען די ספרים און קונטריסים וואס איך האב געטראפן ליגן אין די שול'ן, און אויף די באסעס, וואס מענטשן האבן עס דארט געלאזט נישט זייענדיג אינטערעסירט וואס עס שטייט דרינען. אבער מיך האט עפעס מורא'דיג געכאפט און ס'האט

גערעדט צו מיין הארץ, אז ס'האט מיך ממש אינגאנצן איבערגענומען.

**ס'דא אסאך מענטשן וואס האבן געהערט די שיעורים פון מוהרא"ש אבער זיי שעמען זיך מיט די פלאץ, זיי זאגן נישט פאר קיינעם אז זיי לעבן פון דעם פלאץ, ווי אזוי האט איר זיך ארויסגעשטעלט מיט א שטארקייט אז יא איך בין א 'ברסלבער', און איר זענט געגאנגען בריש גלי הפצה, ווי אזוי האט איר געהאט די קוראזש אנצוהייבן?**

יעצט פרעגסטו זייער גוט! איך האב געזען אין שיחות מוהרא"ש וואס הרב ר' יצחק לעזער שליט"א האט פארשריבן אז מוהרא"ש האט אלע יארן געשריגן "אז איך וויס פון אזא גרויסע רבי'ן פארוואס זאל איך דאס באהאלטן, פארוואס זאל איך עס האלטן נאר פאר מיר". מפיצים זענען געקומען מיט טענות צו מוהרא"ש פארוואס דארף מען לייגן אזא גרויסע ברסלב'ע קרוין אויף די דעקל פון אלע ספרים, לכבוד דעם נעמען מענטשן וויניגער די ספרים, ווייל יעדער וועט זיי זאגן גלייך אז זיי זענען ברסלב'ע, האט זיי מוהרא"ש געענטפערט אז דאס איז פונקט פארקערט דאס איז די גרעסטע כבוד אז ס'שטייט דעם רבי'נס נאמען אויף די ספרים, און אז דו האסט א פראבלעם מיט דעם געב דיך אן עצה.

ביי מיר איז ברסלב א גרויסע כבוד, און באהאלטן האב איך שוין גענוג באהאלטן אלע יארן, ס'איז שוין געווען א אור הגנוז והנעלם, אבער דעם רבי'ן דארף מען מער עפענען און פארשפרייטן, און וואס וועט שוין זיין אז מ'וועט מאכן אזא שיינע דעקל אז מ'וועט גארנישט קענען אויסגעפונען אז ס'האט עפעס מיט ברסלב, וועט זיין ליידער דעם רבי'נס עצות באהאלטן פאר נאך אפאר יאר הי"ל"ת.



אבער דער אמת איז איך האב פאר קיינעם נישט געזאגט אז איך האב עפעס א שייכות מיט ברסלב נאר ביז איך בין געווען גרייט מיט דעם אז איך בלייב ביים רבי'ן ס'זאל זיין וואס ס'זאל זיין, אפילו מ'זאל מיר צובינדען צו א קאר און ארומפארן מיט מייקראפאנען אין גאנץ קרית יואל און אויסרופן הויעך אז איך בין א ברסלב'ער, פאר איך בין נישט געווען גרייט פארדעם האב איך פאר קיינעם נישט געזאגט אז איך בין א ברסלב'ער, אבער איינמאל איך בין געווען גרייט ביי מיר מיט גאר אסאך תפילה והתבודדות האב איך נישט געהאט קיין שום פראבלעם מיט קיין שום זאך.

**אויף וועלכע וועג גייט איר הפצה?**

איך גיי ברוך השם דא אין קרית יואל אין די בתי מדרשים, כוללים, היכל התורה'ס.

**אויב איר קענט געבן א טיפ און אזוי אויך חיזוק פאר די פרישע מפיצים.**

איך וויל זאגן פאר אלע טייערע מפיצים אז מ'דארף זיך האלטן אלץ פריש און הפצה, ווייל ס'דא יעדע מאל א פרישע נסיון, און ס'איז נישט שייך צו זאגן אז איך בין שוין לאנג א מפיץ, ווייל דער מפיץ וואס איז שוין לאנג א מפיץ האט אויך יעדן טאג א פרישע נסיון און ער דארף זיך אויך מחזק זיין און אסאך בעטן דעם אייבערשטן, "הפצה קען מען נישט גיין אן תפילה".

און נאך א נקודה איז וויכטיג צו וויסן אז א מפיץ דארף זיך מחי' זיין מיט יעדע ביסל וואס ער איז מפיץ. איך האב געזען אמאל א בריוו וואס מוהרא"ש שרייבט: מ'זאל מפיץ זיין כאטש איין קונטרס א טאג, איך בעט נישט מער ווי איינס. אין דעם דארף מען זיך מחזק זיין און בעטן דעם אייבערשטן אז יעדן טאג זאל מען כאטשיג פאר איינעם קענען געבן א קונטרס, איין בחור געבן א גליון, אז ס'זאל נישט אדורכגיין קיין איין טאג אן הפצה. איך בעט דעם אייבערשטן יעדן טאג אויף דעם און איך זע ברוך

ה׳ ניסים ונפלאות אין דעם ענין.

איך וועל דיר דערציילן איין סיפור; איין טאג נאך מעריב האב איך זיך געטראפן אז איך בין נישט אנגעקומען היינט צו מפיץ זיין אפילו איין קונטרס, איך האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל כאטש איינעם קענען געבן א קונטרס. ממש פאר איך בין אנגעקומען אהיים טרעף איך א בחור און איך האב אנגעהויבן שמועסן מיט אים, ביים סוף האב איך געגעבן א קונטרס און ער האט זיך זייער געפריידט דערצו.

אגב האב איך אמאל געזען א בריוו ווי מוהרא״ש פארציילט: ״יארן לאנג בין איך געגאנגען הפצה מיט פילע שאפינג בעגס, איך בין געגאנגען אין אלע שולן, באס סטאנציע׳ס און טרעין סטאנציע׳ס, ישיבות און כוללים, מ׳האט מיר ארויסגעווארפן מיט אזעלכע בזיונות, אבער איך האב מיך נישט דערשראקן פון קיינעם און איך בין געגאנגען ווייטער הפצה״. מוהרא״ש שרייבט דארט ווייטער אז הפצה איז א זאך וואס א ברסלב׳ער חסיד מוז טון, און איינער וואס זאגט אז ער קען דאס נישט טון איז דאס נאר א כבוד זאך, און מ׳דארף בעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל דאס קענען מקיים זיין. ס׳טאקע נישט גרינג אבער דאס איז די נקודה פון מוהרא״ש עוסק זיין אין הפצה.

פרישט ענק אויף, זייטס ענק מחזק און גייט פארשפרייטן דעם רבי׳נס עצות אויף די גאנצע וועלט...

**באמת א גרויסע ישר כוח פאר׳ן אוועקגעבן פון די טייערע צייט מיר ווילן אייך וואונטשן הצלחה וברכה אין אייער הייליגע ארבעט.**



און יעצט א שמועס מיט המפיץ הגדול מו״ה ראובן בירנבוים הי״ו פון קרית ברסלב ליבערטי, ר׳ ראובן איז א לעכטיגער איד וואס זיין שמייכל ווייזט שוין אלעס, זיין געוואלדיגער פשטות און תמימות וואס נעמט אים ארום מאכט שוין רואיג און פרייליך די ארומיגע.

**א גוטן וואס הערט זיך ר׳ ראובן?**

א גוטן הירצקא, דער אייבערשטער זאל העלפן פון אונזער שמועס זאל ארויסקומען א קידוש ה׳.

**קודם שטעלט אייך פאר פאר די טייערע לייענער ווער איז דאס ר׳ ראובן בירנבוים?**

איך קום פון מער א ליטווישע שטוב, איך בין אנגעקומען צו חסידות דורך מוהרא״ש זי״ע, איך פלעג וואוינען אין יבנאל, היינט וואוין איך אין קרית ברסלב ליבערטי.

**אויב איר קענט פארציילן וויאזוי איר זענט מקורב געווארן.**

איך האב געלערנט אין א ליטווישע ישיבה אין ארץ ישראל, ס׳איז ארומגעגאנגען צווישן די בחורים פון מויל צו אויער אז ס׳איז דא א געוויסע ברסלב׳ע משפיע וואס רעדט עפעס מורא׳דיג גוט, איך בין געגאנגען צו זיין שיעור, און זיינע דיבורים האבן מיר זייער געכאפט, ער האט גערעדט פון רעדן צום אייבערשטן און פון זיין פרייליך, עפעס וואס איך האב פארדעם נישט געהערט, און די ווערטער האבן ממש געלאכטן און ס׳האט געזעטיגט מיין הארץ.

**ווער האט אייך טרעינירט צו גיין הפצה?**

אלס בחור נאכן הערן יענע שיעורים האב איך געזוכט א ישיבה מיט אזעלכע דיבורים אבער איך האב געוואלט עס זאל זיין אינדרויסן פון שטאט, האב איך דאן געהערט פון די שטעטל יבנאל בין איך אריין אין די ישיבה אין יבנאל פון מוהרא״ש, און דארט איז דאך די גאנצע ווינט געווען הפצה, כמעט יעדער דארט גייט הפצה און איך בין געווארן א חלק פון די חבריא קדישא.

**ווי לאנג זענט איר שוין א מפיץ?**

בערך זעכצן יאר ברוך ה'.

**אין היכל הקודש זענען דא אסאך אידן וואס זענען זיך ממש מחי' מיט די דיבורים אבער זיי גייען נישט קיין הפצה, וואס האט דיך געמאכט ארויסקומען גיין הפצה?**

איך האב געוואלט געבן די זיסע עצות און די שיינע וועג פון לעבן פאר נאך איינעם, און איך פארגין פאר יעדן אזא שיינע לעבן וואס איך האב ברוך ה'.

**וואס טוט זיך וועגן 'בזיונות' ווי אפט מאכט זיך א בזיון און וואס טוט מען דערצו?**

כסדר מאכט זיך בזיונות, און בזיונות איז בכלל נישט קיין שלעכטע זאך איך קוק עס אן פאר א גוטע זאך, מ'קען דעמאלטס פועל'ן גרויסע ישועות, דער אייבערשטער איז מוחל אויף אלע עבירות, מ'דארף נאר געדענקען נישט צוריק ענטפערן און נישט ווערן באליידיגט נאר בלייבן שטארק און בלייבן פרייליך.

**אפשר קענט איר פארציילן עפעס א מעשה ווי מ'איז געקומען צו אייך באדאנקען אז איר האט ממש אויפגעראכטן זיין לעבן מיט די לעכטיגע שיעורים און די זיסע עצות פון דעם הייליגן רבי'ן אזוי ווי דער ראש ישיבה לערנט אונז?**

איך בין לעצטענס געווען אין 'קאנעטיקעט' עוסק זיין אין הפצה, און א איד האט מיר געגעבן א אסטראנאמישע סכום פאר צדקה, און ווען ער האט באמערקט אז איך מאך אויף אפאר אויגן האט ער מיר געזאגט אז די ספרים האט געראטעוועט די אידישקייט פון זיין ווייב, זיין ווייב האט געלערנט אין א נישט פרומע שולע און ס'איז אנגעקומען צו איר די קונטריסים וואס דאס האט איר געמאכט ווערן פרום!

**אפשר קענט איר פארציילן מער איבער די ערשטע מאל ווען איר האט אנגעהויבן גיין הפצה וואס דאס וועט זיין א חיזוק פאר די פרישע מפיצים?**

די ערשטע מאל איך בין געגאנגען הפצה האב איך מיר זייער געשעמט, איך בין געגאנגען נאר צו עטליכע הייזער און איך בין צוריקגעפארן קיין יבנאל, איך האב נישט געקענט ממשיך זיין, אבער מיט די צייט איז די בושה אוועק געגאנגען.

איך וועל דיר זאגן די אמת, היינט איז נאך אויך נישט אזוי גרינג, איך דארף אסאך בעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל זיין פרייליך, ווייל א טאג וואס איך בין נישט אין די גוסטע קען איך ממש שפייען בלוט ביי הפצה, מ'דארף אלץ זיין אין א פרייליכע גוסטע ביי הפצה, מ'דארף בעטן דעם אייבערשטער אויף דעם.

**אויף וועלכע וועג גייט איר הפצה?**

איך גיי איבעראל, ביי די הייזער, געשעפטן, רעסטוראנטן, בתי מדרשים, כוללים, ישיבות און אויפן



גאס.

**וואס מיינט דאס 'אויפן גאס' ?**

איך זוך א גאס וואס איז פיל מיט מענטשן איך גיי אראפ די גאס ווען אין די הענט האלט איך ספרים און איך שטעל אפ מענטשן און איך פרעג זיי צו זיי דארפן א שיינע קונטרס א שיינע מתנה און איך בעט א פרוטה פאר צדקה, אזוי האט מוהרא"ש אוועקגעשטעלט אז מ'זאל נישט געבן פאר בחינם.

**צו וועלכע ציבור גלייכט איר מער צו גיין הפצה?**

די עיקר פארלייג איך מיך אויף בני הנעורים צו די בחורים אין די ישיבות, ווייל מ'קען מער אויפטון ביי אינגע, אן עלטערער מענטש איז שוין אויסגעפארעמט, ער איז שוין צוגעוואוינט אז ערב שבת נאך חצות בייזערט מען זיך... און ווען ס'דא דריי טעג יום טוב פליקט מען די ווייב... אבער א אינגער מענטש איז אזוי ווי קלעי' מ'קען זיי נאך אויספארעמען.

**אפשר קענט איר איבערגעבן עפעס א טיפ אדער א חיזוק פאר די פרישע מפיצים.**

וועגן א טיפ דארף מען וויסן אז ווען מ'געבט א קונטרס פאר א מענטש איז דא א מעגליכקייט אז יענער וועט בכלל נישט אריינקוקן אין דעם, דער עיקר איז נאר ווי אזוי דו געבסט אים די ספר, אז די געבסט עס אים מיט א שמייכל און דו געבסט אים נאך צו א ברכה, וועט יענער באקומען אן אנדערע בליק אויף ברסלב, ער באקומט א גוטע רושם אז די ברסלב'ע זענען פיינע מענטשן.

און וועגן חיזוק זאל מען וויסן און געדענקען אז אונזער ציל איז נישט אז יעדער זאל יעצט קומען צו היכל הקודש, נאר אפילו א מענטש נאכן באקומען א קונטרס וועט יעצט טראכטן איין סעקונדע פונעם אייבערשטן, איין סעקונדע פון תכלית, האט זיך שוין געלוינט צו פארן לאנגע שטרעקעס פאר הפצה.

**פארציילט אונז פון אינטערעסאנטע פלעצער ווי איר זענט שוין אלס געווען הפצה...**

איך גיי אסאך צו אינטערעסאנטע פלעצער, איך בין שוין געווען אין טאראנטא, אין קליוולאנד, אין באלטימאר און אין פלארידע.

**איר פארט אראפ צו די שטעט ספעציעל פאר הפצה, אדער אז איר זענט פונקט דארט גייט איר דארטן הפצה?**

איך פאר ספעציעל אראפ, וואס זענען זיי שולדיג אז זיי וואוינען נישט אין געגענט, מיין סדר איז אז א יעדע שטיק צייט פאר איך אראפ צו א געגענט איך בין דארט פאר א טאג צוויי און איך קום צוריק.

**אויב מ'קען הערן א פרישע געשמאקע מעשה פון הפצה...**

איך בין לעצטענס געווען אין קליוולאנד הפצה, נאכן צוריק קומען הער איך פון די קרן הדפסה אז איינער פון קליוולאנד האט גערופן באשטעלן ספרים און קונטריסים, ס'איז מיר געווען זייער שטארקע חיזוק צו הערן אזעלכע פידבעק פון די ווייטע קליוולאנד.

**פיין ר' ראובן דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן אסאך הצלחה אין דעם הייליגן ארבעט, ועל ידי הפצת ספרי רבינו נביא את משיח צדקינו.**

יעצט ברענגען מיר אייך א שמועס מיט המפיץ הגדול מו"ה ר' דוד יענקל יאקאבאוויטש הי"ו, וואס איז א זון פונעם גרויסן מפיץ מו"ה ר' נתן יאקאבאוויטש שליט"א, לאמיר הערן פון אים וויאזוי עס גייט צו די הפצה ביי אים דארט אין ארץ ישראל.



**א גוטן הרב ר' דוד יענקל.**

א גוט יאר פאר דיר.

**פאר די אמעריקאנער עולם זענט איר נישט אזוי באקאנט אויב איר קענט זיך אביסל פארשטעלן פאר די טייערע ליינער ווער איז דאס ר' דוד יענקל יאקאבאוויטש?**

איך בין א זון פון המפיץ הגדול ר' נתן יאקאבאוויטש שליט"א איך וואוין

# מפיצים
## פאנעל

אין יבנאל עיר ברסלב עיר השמחה, ברוך ה' אז איך בין שוין געבוירן אין א שטוב וואס מ'האט געאטעמט היכל הקודש, דעם רבי'נס עצות און לימודים.

**איר גייט מיט א חברותא אדער איר גייט אליינס?**

על פי רוב גיי איך מיט א חברותא.

**ווער האט אייך אריינברענגט צו גיין הפצה?**

איך האב געלערנט אין ישיבה ביי מוהרא"ש זי"ע, איך בין אריין אין ישיבה פאר ראש השנה און ביז פורים צייט בין איך נישט געגאנגען בכלל קיין הפצה, איך פלעג זיצן און לערנען פון די פריע פארטאגס שעות ביז די שפעטע נאכט שעות, ס'איז געווען א געשמאקע צייט דעמאלט.

ארום פורים צייט איז אנגעקומען אין די בנין הישיבה 10,000 שטיק פון די הגדה של פסח מיט די פירוש פון מוהרא"ש "אור זרוע" און מ'האט עס געדארפט גיין מפיץ זיין. מוהרא"ש האט מיר געבעטן איך זאל גיין צוזאמען מיט מיין ברודער ר' שלום יוסף נ"י מפיץ זיין די הגדות, איך האב פארשטייט זיך גלייך געפאלגט איך מיט מיין ברידער זענען געגאנגען יעדן טאג איבער די גאסן פון בארא פארק און וויליאמסבורג, און מיט די הילף פון אלע מפיצים האט מען אויף פסח געענדיגט אלע 10,000 הגדות. איך בין געווען זייער פרייליך אז מ'האט עס געענדיגט און יעצט קען איך צוריק זיין צום נייעם זמן ביי די גמרא אזוי ווי פריער.

למעשה אסרו חג פסח די ערשטע טאג פונעם זומער זמן נאך מנחה האב איך געטראכט אז די ישיבה האט זיך שוין אויף היינט געענדיגט און איך קען מיך שוין זעצן אין א ווינקל לערנען ביז די שפעטע נאכט שעות [עס איז וויכטיג צו באטאנען אז ביי מוהרא"ש אין ישיבה האט זיך ישיבה געענדיגט דריי אזייגער נאך מנחה און די איבריגע שעות ביז ביינאכט איז געווען געווידמעט צו גיין נאך געלט פאר די ישיבה און פאר הפצה] אבער מוהרא"ש קומט צו צו מיר און ער רופט זיך אן בזה הלשון: "נא גיי צוזאמען מיט דיין ברודער גייטס ווייטער" מיין גאנצע חלום איז מיר דאן צופאלן...

> "על ידי הפצת ספרי רבינו, נביא את משיח צדקנו"

**ווי גייט איר אלס הפצה?**

איך גיי ווי אימער מ'קען, ביי הייזער, ביי באסעס, אויך ביי געשעפטן און רעסטוראנטן. אבער בעיקר גיי איך אסאך ביי די אינטערסעקשענס.

**אפשר קענט איר מסביר זיין פאר די אמעריקאנער עולם וואס עס מיינט צו גיין ביי די אינטערסעקשענס?**

אין ארץ ישראל איז זייער גרינג צו גיין ביי די אינטערסעקשענס ווייל רוב לאנד איז אידן און מ'קען זיי פארשלאגן א ספר, ס'ארבעט אזוי ווען ס'ווערט רויט גייט מען צי צו די קארס וואס ווארטן ביים רויט לייט און ס'גייט שנעל איינס נאכן צווייטן מ'געבט א פרוטה לצדקה מ'געבט א קונטרס און מ'גייט ווייטער, ס'נישט דא קיין צייט צו פעניען קיינער קען דיך נישט אריינשלעפן אין קיין וויכוחים ווייל באלד ווערט שוין גרין...

**וואס טוט זיך וועגן בזיונות ווי אפט קומט א בזיון און וואס טוט מען דערצו?**

איך מאך נישט קיין עסק פון קיין בזיונות, ווען איך גיי הפצה האב איך אלץ צוויי קעשענעס איינס פאר די צדקה געלט און איינס פאר די בזיונות...

אז דו פרעגסט וועגן בזיונות וועל איך דיר פארציילן אן אינטערעסאנטע מעשה וואס איך האב געהאט וועגן בזיונות, אלס בחור ווען איך בין נאך געווען פריש אין הפצה האב איך איינמאל באקומען א בזיון איינער האט מיר גוט מבזה געווען ביי הפצה, אבער איך האב נישט געוואלט פארציילן פאר מוהרא"ש כדי נישט צו מאכן קיין צער. פונקט יענע טאג ווען איך בין צוריקגעקומען אין ישיבה נאך הפצה איז מוהרא"ש דארט געווען און מוהרא"ש פרעגט מיך גלייך: "איינער האט דיר עפעס געזאגט, זאג, איינער האט דיר עפעס געזאגט". האב איך געזען אז איך קען גארנישט באהאלטן האב איך פארציילט אז א איד האט מיך נאכגעשריגן "ברענג עס נישט אהער ווארף עס אין גארביטש קיינער דארף עס נישט דא", און מוהרא"ש זאגט מיר גלייך "זאג אים אז דער וואס נעמט צוזאם די גארביטש וועט זיין א איד, ער גייט עס טרעפן און ער גייט ווערן פרום דורך דעם"...

**אפשר קענט איר פארציילן עפעס א געשיכטע ווי א איד איז זיך צוגעקומען**




**צו אייך באדאנקען אז איר האט ממש גערעטעוועט זיין לעבן.**

איך בין געווען א שטיק צייט צוריק אין בת ים האב איך געטראפן דארט א פרומער איד א בעל תשובה און ער זאגט מיר אז די קונטרסים האבן מיך ארויסגענומען פון די בית הבליעה פון די סטרא אחרא, דורך די קונטריסים איז ער געווארן א פולקאמער בעל תשובה און ער האט אויפגעשטעלט א שיינע שטוב לשם ולתפארת.

**איר האט עפעס א טיפ א חיזוק פאר די פרישע מפיצים?**

ווען איך האב געלערנט אין ישיבה ביי מוהרא"ש פלעגט מוהרא"ש יעדע שטיק צייט פארן קיין יבנאל, איינמאל פאר מוהרא"ש איז אוועקגעפארן בין איך געשטאנען מיט מיין טאטע שליט"א ביי די טיר און מוהרא"ש שפאצירט אונז אדורך און רופט זיך אן צו אונז: "גייטס הפצה הפצה הפצה נאר דאס וועט בלייבן" דאס איז געווען אונזער צידה לדרך.

**עפעס א גוטע מעשה פון הפצה.**

איך בין לעצטענס געווען אין א רעסטוראנט איז געווען דארטן צוויי גרויסע טישן מיט מענטשן און איינער האט געבענטשט ברכת המזון און ביי די הרחמן'ס איז דא געוויסע וואס פירן זיך צו זאגן הויער די הרחמן'ס און מ'ענטפערט אמן נאך יעדע הרחמן - אויך מוהרא"ש האט זיך אזוי געפירט - ער האט געזאגט אלע הרחמן'ס הויעך און אינמיטן בין איך אריינגעקומען ווען ער האט מיר באמערקט רופט ער זיך אן הויעך 'הרחמן הוא ישלח לנו קונטריסים' ס'געווען אן הקדמה פאר די גאנצע רעסטוראנט אז א מפיץ איז דא...

**א גרויסע יישר כח פארן אוועקגעבן פון אייערע טייערע צייט הצלחה וברכה.**

אמן וכן למר א שכח פאר דיר כל טוב בשורות טובות.

**אמן.**

# א שידוך און א חתונה אויפן ריכטיגן וועג

מ. פורסט

די צייט איז שוין געקומען א שידוך צו טון, מיט די טאכטער און זון.
עס איז דא צייט גענוג, זי איז נאך צו יונג.

מען דארף נאך שטודירן, פאר מען טוט א שידוך אויספירן.
זיך באקענען מיט אלע פאכן, פאר מען טוט דעם שידוך מאכן.

זיי האבן יוחס, געלט? לאמיר זוכן איבער די גארער וועלט.
יענער האט א פעלער האב איך געהערט, זיכער איז עס נישט באשערט.

אלע מעלות האב איך, וואס איז זע בכלל נישט ביי דיך.
די שידוך דארף פאסן, כדי יעדער זאל רעדן אין גאסן.

אזא שידוך א באמבע געטראפן, דו חלומ'סט דו קענסט ווייטער האפן.
ווער זאגט אלע ווילן דיר, קריך ארויס פון דיין פארמאכטע טיר.

רעד דיר נישט איין אז אלע ווילן דיך, בעט "באשעפער פיר מיך".
אין די וועגן פון צדיקים וועל איך גיין, דאן וועט מיר גאר גוט זיין.

■ ■ ■

איך גיין שוין חתונה מאכן, וואס וועט יענער טראכטן.
מאכסט חתונה אין א ישיבה? אנדערש פון די גאנצע סביבה?

חתונה מאכן פשוט איז נעבעכדיג, אין א זאל איז מער מכובד'דיג.
איך וויל איינקויפן בלומען, מיט א בענד וואס קענען גוט שפילן.

באשטעלן עסן גאר פיין, עס זאל זיין הערליך און שיין.
צורינגען א עכטער, פאר די שנירן און טעכטער.

פשוט איז פאר די ארומע, אדער פאר גאר פרומע.
אבער איינקופן בילוג, וועט פאר מיר מאכן א חילוק.

איך וויל מ'זאל מיר שעצן, נישט אונטקעגן מיר העצן.
אבער טון וואס איז ריכטיג, נישט מאכן חובות איז מער וויכטיג.

צו קענען ווייטער חתונה מאכן, און די מח זאל קראכן.



בסיעתא דשמיא

# מזל טוב

בשם אלע תלמידי און תלמידות מוסדות היכל הקודש
בארץ הקודש על טהרת הקודש
וואונטשן מיר א הערצילכן ברכת

## מזל טוב

פאר אונזער געטרייער ידיד, ה"ה

הרב **אהרן וועבערמאן** שליט"א

**שד"ר מוסדותינו הקדושים**

**ולנות ביתו החשובה שתחי'**

לרגל שמחת נישואי בתו תחי' עב"ג
החתן נפתלי הערש פארקאש הי"ו
זון פון הרב יואל פארקאש שליט"א
בשעה טובה ומוצלחת

**הוא הגבר**

וואס האט אראפגענומען די שווערע יאך פונעם ראש ישיבה שליט"א און זיך אוועקגעשטעלט אין פראנט במסירות נפש ממש, גענומען אויף זיך די גאנצע עול הכלכלה פון די הייליגע מוסדות אין ארץ הקודש על טהרת הקודש

**הוא הגבר**

וואס שטייט און הארעוועט טאג און נאכט ביודעין ובלא יודעין שלא על מנת לקבל פרס, און טוט אלעס כדי די הייליגע מוסדות בארץ הקודש על טהרת הקודש זאלן ווייטער קענען אנגיין ביתר שאת ועוז

דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל ווייטער מצליח זיין מיט די הייליגע מעשים, און קענען ווייטער אונטערהאלטן די הייליגע מוסדות בארץ הקודש על טהרת הקודש

דער אייבערשטער זאל אים באגליקן מיט נחת לרוב פון אלע קינדער און אייניקלעך, געזונטערהייט מתוך בריות גופא ונהורא מעליא

וואונטשן

**הנהלת המוסדות**
תלמידי תלמודי תורה היכל הקודש
ירושלים, בני ברק, טבריה
תלמידות בית פינא
ירושלים, טבריה
תלמידי ישיבת היכל הקודש ירושלים

---

בסיעתא דשמיא

# מזל טוב

בשם אלע תלמידי און תלמידות מוסדות היכל
הקודש בארץ הקודש על טהרת הקודש
וואונטשן מיר א הערצילכן ברכת

## מזל טוב

פאר אונזער געטרייער מנהל שליט"א וואס געבט זיך אוועק במסירות נפש פאר אונזער עתיד, אונז זאלן קענען וואקסן ערליכע אידן לויט די וועג פונעם הייליגן רבין זי"ע מוהרא"ש זיע"א און להבדל"ח דער ראש ישיבה שליט"א

ה"ה

הרב **יצחק יעקב שמואל פאפנהיים** שליט"א

**מנהל המוסדות בארץ הקודש**

**ולנות ביתו החשובה שתחי'**

לערערין אין בית פינא וואס שטייט אים צו הילף און איז זיך מוסר נפש צוזאמען מיט אים פאר די הייליגע מוסדות
לרגל די שמחה

**מיטן געבורט פון א מיידל**
במזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן דער מנהל שליט"א זאל ווייטער קענען אנגיין מיט די הייליגע ארבעט ביישוב והרחבת הדעת ווייטער אוועקשטעלן און בויען די הייליגע מוסדות פאר אונז און פאר אונזערע דורות
ער זאל זען אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער געזונטערהייט

וואונטשן

**הנהלת המוסדות**
תלמידי תלמודי תורה היכל הקודש
ירושלים, בני ברק, טבריה
תלמידות בית פינא
ירושלים, טבריה
תלמידי ישיבת היכל הקודש ירושלים

## ברסלב'ס חידות

**דער הייליגער רבי האט אמאל געזאגט:**
**אדער א נסיון, אדער א**

א. בזיון
ב. דורכפאל
ג. תיקון
ד. לחיים

*שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך*

דער הייליגער רבי האט אמאל געזאגט: ווען נישט דעם אינגערמאן (ר' נתן) וואלט נישט געבליבן פון מיר
**קיין שמות בלעטל!**

*געוואונער פון פאריגע וואך*

**אדי שטיינבערג תחי' - קרית ברסלב**
שיקט אריין די ענטפערס מיט אייער נאמען צו 845-379-1161

# קרית ברסלב בלעטל

# קינדער אפטיילונג

## טרעף די ווערטער

| | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| צ | ו | ר | י | ק | נ | כ | ל | מ | ט | ק | ל | ד | ת | נ |
| צ | ט | ו | ד | י | פ | א | ר | ט | ר | י | י | ב | נ | מ |
| ח | ר | ט | ו | ה | א | ב | נ | ה | פ | ש | ח | ו | ר | ה |
| ק | ו | ש | ב | ש | ב | ג | ה | ל | ר | ה | ו | ג | ע | ה |
| מ | י | צ | א | ח | כ | י | א | י | י | ל | ו | ל | ע | ל |
| ז | ע | צ | י | ו | פ | ז | מ | ו | י | ס | פ | ל | פ | ב |
| ה | ר | ר | י | ר | ע | נ | ר | ו | ל | ל | א | פ | כ | ד |
| י | י | ד | ב | ה | ז | א | ל | ג | י | פ | י | י | ו | ת |
| א | ג | ק | ע | ה | ק | כ | פ | נ | כ | ק | ל | ג | ב | נ |
| ש | ע | כ | ר | ט | י | מ | ו | פ | ו | י | ח | ש | ע | נ |
| נ | ק | מ | ש | א | י | י | ח | צ | י | א | י | כ | צ | ר |
| ב | פ | ר | ט | ה | נ | ר | ל | ר | י | ק | א | א | ב | פ |
| נ | י | ז | נ | י | ו | א | פ | י | ט | ע | ח | ד | ו | ט |
| ט | נ | ר | א | י | א | ב | ו | ד | ג | נ | צ | כ | ת | ר |
| ש | ט | ת | נ | ל | ז | כ | ע | כ | ח | ע | מ | ט | ע | ט |
| ט | ע | א | ר | י | י | נ | א | ט | י | נ | ר | פ | ק | א |
| א | ל | מ | כ | ג | י | ת | א | ו | נ | י | ע | א | ע | י |
| ר | ע | ע | י | ע | מ | ז | ב | ת | ר | ש | ז | י | נ | כ |
| ק | ת | ד | מ | ר | ה | ט | ו | ש | א | ט | ל | כ | ע | ה |
| נ | ר | ע | פ | ע | ש | א | ב | ב | א | ז | י | י | נ | ע |

**בעט דעם אייבערשטן שוין יעצט: "הייליגער באשעפער איך וויל זיין פרייליך שבת. הייליגער באשעפער, געב מיר כח איך זאל זיך קענען שטארקן און פארטרייבן פון מיר די עצבות און מרה שחורה. הייליגער באשעפער, איך פאל אלץ צוריק אריין אין א טרויעריגע מוט, העלף מיר איך זאל קענען זיין פרייליך, בפרט שבת זאל איך נישט האבן קיין פינטעלע מרה שחורה".**

*(עצות אמונה פרשת כי תבוא תשפ"ב)*

## טרעף די וועג

טרעף די וועג צו געבן ברעקלעך פאר די פייגעלעך?





## שיחות פון רבי'ן פארהער

וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?




**ענטפער פון פאריגע וואך**

דער רבי האט אמאל געזאגט: "ברויט מיט איגערקעס איז א גוטע מאכל!"

## שטיקעלע ספר המדות

# אַהֲבָה

**ח. עַל יְדֵי אֲמִירַת הַלֵּל בְּקוֹל גָּדוֹל, זוֹכִים לְאַהֲבַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ.**

**דוּרְכְ'ן זָאגְן הַלֵּל הוֹיךְ אוֹיפְ'ן קוֹל, אִיז מֶען זוֹכֶה לִיבּ צוּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

דער רבי האט געזאגט אויפן ספר המדות: "דער ספר האט מיך געמאכט פאר א איד!"

# טרעף די חילוקים

טרעף 10 חילוקים צווישן די צוויי בילדער





שבת שירה פירט מען זיך צו געבן ברעקלעך פאר די פייגעלעך צוליב דעם וואס זיי האבן אויפגעגעסן דתן און אבירם'ס ברעקעלעך.

# קינדער טאלאנט



אברהם יודא יאקאבאוויטש - קרית ברסלב



סענדי שווארץ - סטעטן איילענד



פייגי פינטער - קרית ברסלב



אהרן הכהן פריעדמאן - קרית ברסלב



נחמן נתן בלום - קרית ברסלב



אילה לעווינזאן - ירושלים



שלמה און נחמן יאקאבאוויטש



נחמן נתן ראבינאוויטש קרית ברסלב ראש השנה לאילונות

# מעשה פון תפלה
# פאר קינדער

רוחמה פייגא פערל תחי' - ירושלים










רייצל וועבערמאן תחי' - קרית ברסלב









# בילדער
## אפטיילונג










אבות ובנים בית המדרש עצתו אמונה






אבות ובנים בית המדרש היכל הקודש בארא פארק







התחלת משניות אין כתה ג' פון תלמוד תורה אין שטעטל - ב' בא



הנחת תפילין לבן מו"ה יעקב דוב כהן הי"ו - ד' בא




אפשערן פון הילד אליעזר שלמה נ"י בן מו"ה לייב אפפעל הי"ו - ג' בא תשפ"ד
















**סיום כתיבת ספר תורה לע"נ מוהרא"ש אין שטעטל - ב' בא תשפ"ד**










**חתונה פון החתן שלמה יואל שניצלער נ"י - עב"ג מו"ה יצחק משה רייך הי"ו - ג' בא**







קרעדיט: יוסי פרערויא







קרעדיט: נפתלי זאבעל



**חתונה פון החתן נפתלי הערש נ"י בן מו"ה יואל פארקאש הי"ו - עב"ג מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו - ד' בא**



קרעדיט: אייזיק ראטה



קרעדיט: שמעון פיש



קרעדיט: שמעון פיש



קרעדיט: אייזיק ראטה

**שבע ברכות פאר החתן שמעון רוטה נ"י און החתן נפתלי הערש פארקאש נ"י - מוצאי שבת בא**

# מיין חלק הפצה

**א מהדורה פון א**
## ספר
**$5000**

**א זכות פון א**
## קונטרס
**$500**

**א זכות פון א באנד**
## אשר בנחל
**$500**

די חכם האט געלאזט צוואה פאר זיינע קינדער ״איר מעגט עוסק זיין אין אנדערע פרנסות
אויך, נאר דאס זאלט איר זען שטענדיג צו טון: אנטרינקעןביימער (סיפורי מעשיות מעשה ג׳)״

**זכות**
## נר למאור
**$1800**

**פאללעט**
## פאפיר
**$1000**

רבי נתן האט געזאגט אפאר טעג פאר ער איז נסתלק געווארן: ״אייער עובדא
זאל זיין יפצו מעינותיך חוצה איר זאלט זיין שטארק מיט געלט רצון און טירחא״

**זכות**
## פרנס היום
**$180**

**זכות**
## פרנס השבוע
**$720**

**זכות**
## פרנס החודש
**$1200**

אז דו ווערסט טון אין פארשפרייטן די ספרים, דו ווערסט טון אין הפצה
ווערסטו האבן שפע, עס וועט דיר נישט פעלן קיין געלט (עצתו אמונה)

# חתן דומה למלך.

פראכטפולע חתן פעקידשעס
מיט פריוואטע סערוויס
דורך קאַסטום שאָו רום



CUSTOM
SHOWROOM
BY YANKY

917.474.6118

CSBYYANKY@GMAIL.COM

Puroches // Mantalach // Kitel // Talis Bags // Tefilin Bags // Personalized Tzizis // Custom Challah Covers

Worthy.group